געווען אַ קלאָרער: פיזישע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. כדי צו פאַר־לייכטערן זייער טייוולאָנישן פלאַן האָבן די דייטשן פאַרשפרייט, דורך זייערע פוילישע פאַרבינדעטע, קלאַנגען, אַז מ׳פירט איבער די יידן אין די אוקראַינישע סטעפּעס אויף אַרבעט — אין די צעשטערטע קאָלכאָזן. ס׳זענען געווען יידן, וואָס האָבן דערין גע־גלייבט. בכלל האָט מען זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מענטשן זענען פעיק אויף אַזעלכע סאַדיסטישע טאַטן; הרגענען מיליאָנען — נאָר ווייל זיי זענען יידן.

די געבליבענע אין שעדלישטשע נאָכן ערשטן גירוש זענען געווען שרעקלעך נידער־געשלאָגן. ס׳האָט זיך נישט געפונען איין גאַנצע פאַמיליע. ס׳זענען נאָר געבליבן רעשט־לעך פון אַ שטעטל, וואָס האָט נישט לאַנג געברויזט מיט לעבן, מיט מעשים און קולטור. ס׳זענען געבליבן בלויז יתומים, לעבעדיקע „מתים", וואָס זענען געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלעמען, אָן יעדער פּרוּוו אפילו פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד־געפיל. מענטשן האבן אַפילו נישט געוויינט, גלייך ווי דער קוואַל פון טרערן האָט ביי זיי אויסגעטריקנט.

אַזוי האָט מען, כלומרשט, געלעבט און געאַרבעט ביז ענדע זומער 1942. די, וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פונעם וועג בעתן ערשטן גירוש האָבן דערציילט, אַז אויף די וועגן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע יידישע קערפּער און אַז אין דער געגנט זענען אַרומגעלאָפן הינט — זיי האָבן דערשמעקט פון דערווייטנס דעם ריח פון מענטשן־פלייש, און דאָס האָט זיי געלאָקט און גערופן.

צומאָרגנס, נאָך די „ימים נוראים" האָבן די דייטשן געמאָלדן, אַז די נאָך־געבליבענע יידן אין שעדלישטשע זאָלן קומען מיט אַ באַגאַזש פון 8 ק"ג אין צענטער פון שטעטל און ווער ס׳וועט נישט אויספירן דעם באַפעל וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. ס איז געווען קלאָר פאַר יעדן, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער וועג, אָבער מ׳האָט זיך נישט געקענט העלפן. זיך ראַנגלען מיטן גורל — ווי אַזוי? זיך אויסבאַהאַלטן? — ווו. אַנטלויפן? — וווהין. די געגנט איז געווען פיינטלעך געשטימט צו יידן און ווער ס׳האָט געפּרוּווט אַנטלויפן איז באַלד געכאַפּט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די דייטשן פאַר דעם פּרייז פון אַ האַלבן ק"ג צוקער אָדער בכלל אָן יעדער באַלוינונג. און ווירקלעך, האַרבסט 1942 איז דאָס שטעטל געוואָרן יידנריין. די ווייניק געבליבענע האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט. איבעראַל האָבן זיך געהערט קרעכצן פון הונגער און פּיין, אַזוי האָט מען זיך געראַנגלט ביז מ׳האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם אין קרעמאַטאָריום פון סאָביבאָר.

אָבער ווען די שארית־הפליטה פון שעדלישטשע איז געשטאַנען איינזאַם אַרומגע־רינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן; האָט די פוילישע באַפעלקערונג, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געלעבט אין גוטער שכנהשאַפט מיט די יידן, אויב נישט מיט פריינד־שאַפט, איצט „בעת צרה" אַרויסגעוויזן אָפענע שנאה און האָט מיטגעאַרבעט מיט די

דייטשן ביי דער פֿאַרניכטונגס־אַקציע — אָבער אין דער פינצטערער צייט האָט אויך אַרויסגעשטראַלט אַן איינציקע שטראַל פֿון מענטשן־ליבע. דאָס איז געווען די משפחה פֿון מילנער זשוקאָווסקי. די איידעלע פֿאַמיליע האָט איינגעשטעלט איר לעבן פֿאַר יידן און זייער פֿאַרמעגן.

בעתן ערשטן גירוש האָט די פֿאַמיליע זשוקאָווסקי געראַטעוועט די מוטער און די טאָכטער קליינמאַן און זיי אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט. נאָך פֿאַרן גירוש פֿלעגט די פֿאַמיליע העלפֿן יידן דורך צושטעלן זיי מעל, גרויפּן און אַפילו געלט צו קויפֿן שבת־ליכט. און דאָס האָט זי געטאָן נישט פֿאַר באַלוינונג ווי ס׳האָבן געטאָן אַנדערע, „גוטע גויים", נאָר בלויז פֿון מענטשן־ליבע. ווען אַנדערע פּאָליאַקן זאָלן זיך געווען אַזוי פֿירן וואָלטן פיל ווייניקער יידן פֿאַרניכטעט געוואָרן. אָבער ווייל אַזעלכע זענען נישט געווען, דעריבער זענען פֿון דער שעדלישטשער קהילה, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן פֿונעם גיהנום, געבליבן בסך־הכל 7 יידן. כון זיי וווינען אין ישראל 5 און וועגן זיי וועלן מיר דערציילן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

די פאַמיליע פון משה גרינשפּאַן

די פאַמיליע גרינשפּאַן איז געווען געבענטשט מיט קינדער. ביז דער מלחמה זענען אין דער פאַמיליע געווען 8 קינדער. כדי צו שפּייזן אַזאַ פאַמיליע איז משה געווען געצוווּנגען אַרבעטן שווער. טראָץ זיין שווערער אַרבעט האָט ער דאָך געפונען נאָך צייט אויף פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין די אָוונטן פלגעט ער פון זיין קורצער פרייער צייט ווידמען שעהן דעם כלל, און דאָס אַלץ פרייוויליק.

קלאָר, אַז פרנסה איז געווען קנאַפּ און דעריבער האָט די פאַמיליע געלעבט בצמצום. די קינדער האָבן נישט געוווּסט פון קאָמפאָרט און האָבן זיך באַגנוגנט מיט ווינציק.

אין די טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט די משפחה געליטן גלייך מיט אַלע יידן, אָבער, ווייל די אַרבעט פון איין מענטשן האָט נישט געקלעקט אויף אָפּשפּאָרונגען זענען אירע ליידן געווען שטאַרקער. אַלס רעזולטאַט איז צו דעם לעצטן גירוש פון דער גאַנצער משפחה געבליבן לעבן נאָר דער פאָטער מיט צוויי זין: דער עלטערער בערל און דער יונגערער נח.

די דערציילונג פון נח גרינשפּאַן

צוויי טעג פאַרן גירוש האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן גרייטן זיך פאַרניכטן אַלע יידן פון שטעטל, אָדער ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט מאַכן דאָס שטעטל „יודן־ריין”. איין טאָג איז געקומען צו אונדז אַ באַקאַנטער פויער פון דער אומגעגנט און אונדז פאָרגעלייגט, אַז אונדזער פאַמיליע זאָל קומען זיך אויסבאַהאַלטן ביי אים אין קעלער, וואָס געפינט זיך אין זיין פעלד, ווייט פונעם דאָרף. ער דענקט, אַז אַהין וועלן די דייטשן נישט קומען. מיר האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און אונדזער פאַמיליע, צוזאַמען מיט דער טאַנטע חיה גרינשפּאַן, וואָס איז געבליבן עלענט פון איר משפחה, זענען מיר אין נאַכט־פינצטערניש איבערגעגאַנגען צום פויער, ווינען אין זיין נאַסן, און לופט־שטיקנדן „פּאַלאַץ”.

צו מאָרגנס האָט דער פויער אונדז באַזוכט און דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אַלע יידן פון שטעטל אַרויסגעטריבן אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע, סטאַוו, נאָך האָט ער אונדז דערציילט, אַז ווי באַלדט די יידן האָבן פאַרלאָזט די הייזער האָבן פּוילישע יונגעלייט אָנגעהויבן ראַבירן די הייזער פראַנק און פריי.

פאַר נאַכט־צו איז געקומען צו לויפן איינער פון די ראַבירער אָנגעלאָדן מיט אָנגעראַבירטע זאַכן, מיט אַ ציל דאָס אַלץ באַהאַלטן אין קעלער, ווו מיר האָבן זיך געפונען. צו זיין איבעראַשונג האָט ער אונדז דאָ געטראָפן. ער האָט זיך געבייזערט און געדראָט,

אַז ער גייט ברענגען די דייטשע זשאַנדאַרמעריע. מיר האָבן אים שטאַרק געבעטן און דער פּאָטער האָט אים דערצו אונטערקויפט מיט אַ שיינער מטבע און ער האָט זיך באַרויִקט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין בסדר. דאָך האָבן מיר זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיין הבטחה און נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן מיר פאַרלאָזט דעם קעלער און זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם נאָענטן וואַלד. דאָרטן האָבן מיר געפונען נאָך יידן פון מערב־פוילן און צוזאַמען מיט זיי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן מאָנאַט. ביי נאַכט פלעגן מיר זיך צוגנבענען צו אַ פויעריש שטיבל, קויפן עפּעס עסנוואַרג און אַ גאַנצן טאָג זיך באַהאַלטן אין טיפעניש פון וואַלד. נישט ווייניק פון אונדזערע זענען געפאַלן פאַר דער צייט. גייענדיק זוכן ברויט זענען זיי געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן אָדער די פויערים און געהרגעט געוואָרן.

דער פּוילישער הערבסט איז פאַראיבער. און ס׳איז אָנגעקומען דער קאַלטער ווינטער. אוממעגלעך איז געווען בלייבן ווייטער אין וואַלד. אונדזער גרופּע איז געוואָרן וואָס אַ מאָל קלענער. מ׳האָט געקלערט וואָס טוט מען ווייטער? און דאָ איז מען געפאַלן אויף אַן עצה. נישט ווייט פונעם וואַלד זענען געשטאַנען שטרוי־הויפנס. יעדע נאַכט האָבן מיר זיך צוגעגנבעט צו די הויפנס און דאָרט איבערגענעכטיקט און מיטן אויפגאַנג פונעם מאָרגן־שטערן צוריק אין וואַלד. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. וויזט אויס, אַז די פויערים האָבן דאָס דערשפּירט און וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. מ׳איז געקומען און מ׳האָט אונדז אַרעסטירט. דער ברודער בעריל איז דאַן נישט געווען מיט אונדז. ער איז געגאַנגען זוכן ברויט. די פּאָליציי האָט געמאָלדן וועגן אונדז דער געסטאַפּאָ. ביי נאַכט האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויפן גמינע־הויף און אונדז געשאָסן. נאָכן שיסן האָט מען יעדן קאָנטראָלירט צי ער איז באמת טויט. ווער ס׳האָט נאָך באַוויזן סימנים פון לעבן האָט באַקומען אַ צוגאָב־קויל. איך האָב זוכה געווען צו אַ צווייטער קויל, אָבער אויך די קויל איז דורך ביים האַלדז און האָט מיך נאָר לייכט פאַרוווּנדעט. ווען די געסטאַפּאָ האָט איר אַרבעט פאַרענדיקט און איז געווען זיכער, אַז קיינער פון אונדז לעבט נישט מער, האָט זי זיך געלאָזט אַוועקגיין.

איך בין דאַן אַלט געווען בסך־הכל 13 יאָר. איך בין נאָך געווען נאַאיוו, נישט געוווּסט וואָס הייסט „טויט" און האָב געמיינט, אַז איך בין טויט, כאָטש איך שפּיר נאָך אין זיך סימנים פון לעבן. דאָך האָט דער אינסטינקט מיך אַ שטויס געטאָן אויפצוהייבן דעם קאָפּ און פּרווון אויפשטיין. פּלוצלינג האָב איך זיך געגעבן אַ הייב אויף פונעם אָרט און אָנגעהויבן לויפן אין ריכטונג פון די פעלדער, וואָס נאָכן שעכטהויז. די פּאָליאַקן וועלכע זענען אָנוועזנט געווען ביים מערדערישן ספּעקטאַקל האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָ געשען. זיי האָבן צוריקגערופן די דייטשע מערדער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט און איבערגעציילט די טויטע און ווען זיי האָבן זיך איבערגעצייגט אַז איינער

פעלט האָבן זיי זיך געלאָזט אין אַ געיעג נאָך מיר און שיסן. מיטן לויפן בין איך אַריינגעפאַלן צווישן קוסטן און זומפן. דאָ זענען די דייטשן געבליבן שטיין. „נישט כדאי״ האָבן זיי אַפּנים געטראַכט „פאַרשמוצן די געפוצטע שטיוול צוליב אַ „יידן״. זיי האָבן געגעבן אַ פּאָר זאַלפן אין מיין ריכטונג און זיך געלאָזט צוריק.

ווען ס׳איז גוט פינצטער געוואָרן בין איך אַרויס פון דער זומפּ, זיך צוגעשלעפּט צו אַ הויפן היי און בין איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף ביז די פרימאָרגן שעהן. פאַרלויפיק איז דאָס בלוט פון דער ווונד פאַרגליווערט געוואָרן און איך האָב צונויפגענומען מיינע לעצטע כוחות און זיך געלאָזט גיין. איך האָב אויסגעמיטן אונדזער שטעטל און בין געקומען צו דעם פויער ביי וועמען אין קעלער מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. ווען ער האָט מיך דערזען איז ער ממש צומישט געוואָרן פון שרעק. ער איז געווען זיכער, אַז מ׳האָט אונדז אַלע אויסגעשאָסן. ער האָט מיך באַטראַכט אַלס שד, אַלס נישט־גוטער, אָדער אַזעלכער, וואָס איז געקומען פון יענער וועלט. ער האָט זיך איבערגעצלמט, געשווינד איז ער אַריין אין שטוב, האָט אַרויסגעבראַכט אַ שטיק ברויט, אַריינגעשטעקט מיר אין האַנט און אַוועק, פאַרמאַכנדיק די טיר פאַר מיר. איך האָב געמוזט מאַכן גרויסע באַמיונגען כדי אים איבערצייגן, אַז איך לעב און בין נישט קיין טויטער גייסט פון יענער וועלט.

יענעם אָוונט האָב איך געפונען מיין ברודער בעריל און צוזאַמען האָבן מיר אָנגעהויבן וואַנדערן פון איין הויפן־שטרוי צו אַ צווייטן. פון וואַלד צו וואַלד, פון הייל צו הייל. ביסלעכווייז האָב איך אָנעהויבן פאַרגעסן אין מיין פאַרוווּנדעטער האַנט, ווייל מיט דער צייט האָט זי פון זיך אַליין פאַרהיילט. איך האָב זיך געטרייסט, וואָס מיר זענען כאָטש צוויי נפשות געבליבן לעבן פון אונדזער גאַנצער פאַמיליע. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. איין מאָל ביי נאַכט איז בעריל אַוועק זוכן ערגעץ־ווו ברויט, ווייל דער הונגער האָט געמאַטערט. איך בין געבליבן אַליין אין אונדזער באַהעלטעניש. פּלוצלינג האָט מיך באַהערשט אַ שרעק. איך בין איינגעדרימלט און געזען אין חלום ווי מיין ברודער בלאָנדזשעט אַרום און פּלאָנטעט זיך צווישןביימער אויפן וועג וואָס פירט צום פויער, וואָס האָט אונדז דאָס ערשטע מאָל אויפגענומען. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורמווינט און בעריל איז פאַרשווינדן מיטן ווינט. איך האָב אויפגעוואַכט און דערהערט אַ דרייפאַכיקן שאָס. צו מיין גרויסן צער איז דאָס שיסן געווענדט געווען קעגן בערלען מצד די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן (אַ. ק.), וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן אין זייער מערדערישער אַרבעט.

אַזוי אַרום בין איך, אַ 13־יעריק ייִנגל געבליבן עלנט און הילפלאָז אין אַ אַכזריותדיקער פרעמדער וועלט, אַ וועלט פול מיט שנאה, אָן אַ טראָפּן מענטשלעכן געוויסן און רחמנות. איך האָב געמוזט וואַנדערן ווייטער איינזאַם איבער וועלדער און פעלדער

ביז די רויטע אַרמיי איז געקומען און באַפרייט אונדזער געגענט פון די דייטשע מערדער.

דאָס איז געווען מאָנאַט יולי 1944. איך בין געלעגן צווישן די פולע זאַנגען אין פעלד ווען ס'האָט זיך דערהערט פון ווייטן די בשורה פון באַפרייונג. איך האָב קוים געגלייבט, אַז איך בין שוין פריי און קען פאַרלאָזן מיין באַהעלטעניש. צוויי טעג האָב איך נאָך נישט געוואַגט זיך באַווייזן אין מיין שטעטל. נאָר אויפן דריטן טאָג האָב איך באַשלאָסן אַריינגיין אין דער פאַריתומטער שעדלישטשע. איך בין געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך דאָרט באַוויזן נאָך דער מלחמה. די גויים זענען אויפגעציטערט געוואָרן דער־זעענדיק מיך. זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ס'איז נאָך געבליבן אַ לעבעדיקער ייד. אָבער זיי אויף צעפּיקעניש האָב איך געשפּאַנט איבער די טרויעריקע יידישע גאַסן. בלייבן נעכטיקן דאָרטן האָב איך נישט געוואָלט, מורא האָבנדיק, אַז זיי זאָלן מיך נישט אַוועקהרגענען כדי אָפּווישן דעם לעצטן יידישן שפּור און ס'זאָל נישט בלייבן ווער ס'זאָל קענען דערציילן וועגן זייערע שוידערלעכע מעשים. איך בין אַוועק צו אַ כויערטע, וועלכע איך האָב געדענקט אַז זי געהערט צו דער סעקטע סאָבאָטניקעס (שבת־היטער) און געווען זיכער, אַז זי וועט נישט פאַרראַטן. ביי איר אין הויז בין איך געבליבן אייניקע טעג. ס'איז געווען זומער צייט, אין הויז איז געווען ענג און הייס האָב איך באַשלאָסן שלאָפן אויף אַ הויפן־היי, ווי איך בין געוווינט געווען די גאַנצע צייט. איין מאָל ביי נאַכט האָב איך איינגעהערט טריט וואָס דערנענטערן זיך. דאָס זענען געווען מיטגלידער פון דער פוילישער נאַצ. אָרגאַניזאַציע (אַ. ק.). זיי האָבן אויפגעוועקט די פּויערטע און געכרעגט אויף מיר. זי האָט פאַרשטאַנען זייער כוונה און האָט געענטפערט, אַז איך בין אַפּגעפאָרן קיין כעלם. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז. איך האָב נאָכגעפאָלגט דעם הילך פון זייערע טריט מיט שרעק און ציטער.

צומאָרגנס האָט די פּויערטע מיך געוואָרנט, אַז מיין לעבן איז אין געפאַר ווען איך בלייב אויף ווייטער אין איר הויז. זי האָט מיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז, געבענטשט און באַגלייט ביזן וועג, וואָס פירט קיין כעלם. אויף אַ מיליטערישן לאַסט־אויטו בין איך געקומען קיין כעלם. דאָ האָב איך געטראָפן נאָך עטלעכע יידן. מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע, אין טאַש קיין פרוטה. נאָך אייניקע טעג האָב איך באַשלאָסן איבערפאָרן קיין לובלין. דאָ האָב איך באַגעגנט אַ יידן, פאַר וועמען איך האָב אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ. אַ דאַנק אים האָב איך אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט אייניקע צוריק־געקערטע יידן פון די לאַגערן, זיך מיט זיי באַפריינדעט און מיט זייער הילף און עצה באַקומען, אַ קליינע הלוואה און אָנגעהויבן האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק, אַזוי אַרום האָב איך באַקומען אַ שטיקל מעמד פון פרנסה.

מיט דער צייט האָב איך זיך דערוווסט, וועגן אַ קאָנספּיראַטיווער גרופּע, וואָס פירט ציוניסטישע אַרבעט. איך האָב זיך איינגעשריבן אַלס מיטגליד פון דער גרופּע. מיט דער

הילף פון דער גרופּע בין איך איבערגעפאָרן קיין קראָקע. דאָרטן האָב איך באַקומען דאָקומענטן אויפן נאָמען פון אַ גריכישן פּליכטלינג און איבערגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט אייניקע קיין טשעכיע. פון דאָרטן קיין אונגאַרן און שפּעטער קיין רומעניע. אין רומעניע בין איך דורכן דזשאָינט איבערגעפירט געוואָרן אין אַ קינדער־הויז פון „עלית־הנוער" — נישט ווייט פון בוקאַרעשט. אין בוקאַרעשט בין איך אָפּערירט געוואָרן אויף מיין פאַרוווּנדעטער האַנט, אָבער צום באַדויערן איז די אָפּעראַציע נישט געלונגען, און איך האָב געמוזט שפּעטער עטלעכע מאָל אָפּערירט ווערן כדי צו ראַטעווען די האַנט, ווייל ס׳האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן שלעכטע סימנים.

בערך אַ האַלב יאָר האָב איך געוווילט אין בית־הילדים און דאָרט האָב איך באַקומען מיין ערשטע יידישע דערציונג. ווען אַ טייל פון אונדזערע יונגע חברים האָבן באַקומען סערטיפיקאַטן פאַר עליה, האָב איך נאָך מיט אייניקע פון מיינע חברים זיי באַגלייט צום פּאָרט קאָנסטאַנצע, דאָרט בין איך אַריינגעדרונגען שטיל אין שיף און עולה געווען אומלעגאַל. אַ שטיק צייט האָב איך פאַרבראַכט אין „עלית הנוער". באַקומען אַלגעמיינע בילדונג, אויסגעלערנט אַ פאַך ביי וועלכן איך אַרבעט ביז היינטיקן טאָג און דערנער זיך בכבוד. פאַר דער צייט האָב איך נאָך דורכגעמאַכט אייניקע אָפּעראַציעס, פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָלן. ביי היינטיקן טאָג האָב איך אַ משפּחה און מאַך אַ שיין לעבן אין ישראל.

געבליבן בין איך אַ לעבעדיקע מצבה אויפן חורבן פון אַ פאַרצווייגטער משפּחה, וואָס איז געווען און מער נישטאָ.

די משפּחה פון ישראל מעץ

די משפּחה מעץ פון שטעטל שעדלישטשע איז געווען אַ פאַרמעגלעכע לויט די באַגריפן פון יענער צייט, האָבענדיק אַ גרויסע מאַנופאַקטור־קראָם, וועלכע האָט געגעבן פּרנסה בשפע און כבוד. ישראל מעץ זעלבסט איז געווען אַ בכבודיקער ייד, פון די חשובסטע יידן אין שטעטל, באַליבט ביי יעדן, אַ משכיל, וואָס האָט באַקומען זיין דערציִונג פון אַלטע יידישע מקורות, אָנגעזאַפּט מיט יידישער קולטור און טראַדיציע, אַן אָנגעזעענער סוחר, אַ טיכטיקער ציוניסט אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און בכלל פון די אָנגעזעענע בעלי־בתים אין שטעטל, וואָס טוען אַלץ פרייוויליק אָן יעדן לוין.

דריי קינדער זענען געווען אין דער פאַמיליע און וועגן דער לעבנס־געשיכטע פון דער פאַמיליע ישראל און פעסיל מעץ דערציילט זייער טאָכטער זעלדע, וועלכע איז

איינע פון די 20 גערעטעטע פון לאַגער סאָביבאָר, וואָס האָט געציילט זיינער צייט 600 מענטשן.

דעם 14טן אָקטאָבער 1942 האָט דער לאַגער רעוואָלטירט קעגן זיינע פייניקער און נאָכן פאַרניכטן איייניקע פון די אויפזעער, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אין די אַרומיקע וועלדער.

די דערציילונג פון זעלדע מעץ

מיטן אָנפאַנג פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין אָקטאָבער 1939, איז מיין גאָט־זעליקער פאָטער אַנטלאָפן קיין וועסט־אוקראַינע, צו דער סאָוויעטישער זייט. נאָך אייניקע וואָכן פון איינזאַמקייט, בענקשאַפט און זאָרג פאַר דער פאַמיליע האָט מיין פאָטער זיך צוריקגעקערט אַהיים כדי צו טיילן דעם ביטערן און גרויזאַמען גורל מיט אַלע איינוווינער פון שטעטל. אָבער ווען די לאַגע איז אונטערן דרוק פונעם דייטשן טיראַן געוואָרן אומדערטרעגלעך האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן פלאַנעווען ווי אַזוי צו אַנטלויפן אין די וועלדער, אָבער צום באַדויערן איז דער פּלאַן נישט געלונגען. די ביטערע ווירקלעכקייט האָט דעם פּלאַן געמאַכט צו נישט.

סוף זומער 1942 איז אַ גרויסער טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג אַרויסגע־טריבן און פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער פון יענער זייט סטאַוו, דאָרט האָט מען אָפּ־געזונדערט קינדער, פרויען און עלטערע לייט און אַוועקגעשיקט אין געטאָ פון דער שטאָט וולאָדאַווע. צווישן די אַוועקגעשיקטע אין געטאָ האָט זיך געפונען מיין באָבע חיה מעץ און לויט די ידיעות וואָס איך האָב שפּעטער באַקומען איז זי דאָרט געשטאָרבן. די פאַרשיקטע האָט מען געהאַלטן בערך 2 מאָנאַטן אין שרעקלעכע באַדינגונגען. די שפּייז־מיטלען זענען געווען קנאַפּע און שלעכטע, נידריקער פון יעדער קריטיק.

פערצן טעג אין טבת (דעם 21סטן דעצעמבער) 1942, האָט מען אַרויסגעפירט די לעצטע שעדלישטשער יידן פונעם לאַגער און זיי פאַרשיקט קיין סאָביבאָר אין די באַוווּסטע קרעמאַטאָריומס. אַ טייל פון די אַרויסגעשיקטע איז געלונגען אַנטלויפן פונעם וועג און צווישן זיי אויך מיין פאָטער. נאָך פאַרן גירוש האָט אונדזער פאַמיליע באַשלאָסן צו אַנטלויפן פונעם וועג, אָבער צום באַדויערן איז דער פּלאַן געלונגען נאָר מיין פאָטער. מיר האָבן זיך זייער געפרייט וואָס כאָטש אים האָט זיך איינגעגעבן זיך צו ראַטעווען, ווייל מיר זענען זיכער געווען, אַז מיר זענען שוין פאַראורטיילט צו טויט. דער לאַגער סאָביבאָר איז געווען באַוווּסט אַלס אַזעלכער, וואָס פון אים גייט קיינער לעבעדיק נישט אַרויס.

אין לאַגער זענען מיר אָנגעקומען אָוונט־צייט. די מוטער און די צוויי שוועסטער

האָט מען באַלד אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריום, און איך האָב אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו געזעגענען מיט זיי. אויף מיין פרוּוו זיך דערנענטערן צו זיי, האָב איך באַקומען טויט־קלעפּ. מיך האָט מען זאָגאַר איבערגעשיקט צוזאַמען מיט אַנדערע 13 אין דער שטריקערייִ־אָפּטיילונג. דאָרט האָבן מיר געאַרבעט אַ גאַנצן ווינטער ביי שטריקן זאָקן און וועסטן פאַר דער אַרמיי. אין דער צייט האָב איך עטלעכע מאָל געקרענקט. די טעמפּעראַטור האָט געשטיגן ביז 40 — 39 גראַד, אָבער איך האָב זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט און נישט פאַרלאָזט די אַרבעט. פאַרקערט, איך האָב מיך באַמיט אויסבאַהאַלטן מיין קראַנקייט, ווייסנדיק אַז אין לאַגער האַלט מען נישט קיין קראַנקע. ס׳איז געווען קלאָר פאַר יעדן, אַז דער דאָקטער גאַמערסקי איז זיך נוהג באַפרייען פון קראַנקע מיט אַ גאַנץ פשוט מיטל — שיסן, און דאָס האָט ער געטאָן מיט אייגענע הענט.

אָנהייב פרילינג 1943 זענען אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער גרויסע טראַנספּאָרטן יידן. דאָס זענען געווען יידן פון די אייראָפּעאישע לענדער אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, טאָג און נאַכט האָט דער לאַגער און די קרעמאַטאָריומס נישט גערוט, און די אַרבעט איז געווען אין פולן גאַנג. ס׳זענען געווען טעג פון 5000 קרבנות אַ טאָג, לויט די דאָקומענטן וואָס מיר האָבן געפונען אין די טאַשן פון די אומגעקומענע בשעת סאָרטירן זייערע קליידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען יידן פון האָלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און אויך רעשטלעך פון פוילישן יידנטום.

צו יענער צייט האָט מען אויפגעלעזט די שטריקערייִ־אָפּטיילונג און מיך האָט מען איבערגעפירט אויף אַרבעט אין בלאָק נומער 2 (לאַגער 2). מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין סאָרטירן פּאַקעטן. דאָס זענען געווען פּאַקעטן פונעם באַגאַזש, וואָס די פליכטלינגע האָבן מיט זיך געבראַכט. באַלד מיט זייער אָנקומען אין לאַגער האָט מען די מענטשן איבערגעפירט אין הילצערנע קאַזאַרמעס, ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט זייער באַגאַזש און די מענטשן ווייטער געטריבן אונטער קללות און קלעפּ ביזן בלאָק נומער 2. דאָ האָט דער אויבערשטורם־פירער־מאַיאָר מיכאל דערקלערט פּייערלעך און כלומרשט מיט איבערצייגונג, אַז אַלע מענטשן וועלן איבערגעפירט ווערן אויף אַרבעט אין אוקראַיִנע, אָבער כדי אויסצומיידן אינפעקציע־קראַנקייטן מוזן די פליטכלינגע זיך דיזענפעקצירן אין די ספּעציעלע בעדער, וואָס מ׳האָט פאַר זיי צוגעגרייט. ביז ס׳וועט פאַרטיק ווערן די נייטיקע צוגרייטונגס־אַרבעט, קען דערווייל יעדער פון די פליכטלינגע שרייבן בריוו צו זייערע אייגענע און מעלדן, אַז זיי זענען אויפן וועג צו אַרבעט אין אוקראַיִנע.

נאָכן שרייבן זענען די מענטשן קלאַסיפיצירט געוואָרן און פונאַנדערגעטיילט געוואָרן לויטן געשלעכט. פרויען און קינדער אין איין ריי, — מענער אין אַ צווייטער ריי. באַלד איז געקומען אַ באַפעל: זיך אויסטאָן! דאַביי איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן: נישט

פאַרגעסן צובינדן די שיך פּאָרן־ווייז, כדי אויסצומיידן איבעריקע מי נאָך דער באָד. פאַרן אויסטאָן זיך האָט יעדער געמוזט צוגיין צו דער „קאַסע" און איבערגעבן די ווערט־זאַכן אויף „שמירה". די פרויען האָט מען אָפּגעשוירן די האָר, ווייזט אויס צוליב צוויי טעמים: 1) כדי זיי זאָלן נישט באַהאַלטן ווערט־זאַכן צווישן די האָר, 2) כדי אויסצונוצן די האָר אַלס נוץ־מאַטעריאַל פאַר דער דייטשער פאַבריקאַציע. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַ ציל אויסצומיידן יעדן חשד, אַז די מענטשן ווערן געפירט צום טויט. אין דער הינזיכט האָבן די דייטשן זיך ספּעציאַליזירט אויף אַ גרינטלעכן אופן און מערסטנטייל איז זיי געלונגען אָפּנאַרן זייערע קרבנות.

איך געדענק אַ פאַל. איין מאָל ווען ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט מענטשן פון האָלאַנד, און דאָס קרעמאַטאָריום איז נאָך נישט געווען גרייט, האָט דער עס־עס־מאַן וואַגנער זיך נישט פאַרלוירן און האָט די קרבנות פאַרוויילט מיט פאַלשער האָפנונג. אויספרעגנדיק די מענטשן, יעדן וועגן זיין פאַך, האָט ער כלומרשט צונויפגעשטעלט אַ „רשימה" פון פאַך־לייט וואָס זענען אים נייטיק און האָט יעדן צוגעזאָגט אַרבעט אויף זיין געביט.

מענטשן האָבן געגלייבט און זיך געטרייסט, אָבער ווען דאָס קרעמאַטאָריום איז גרייט געווען אויפצונעמען די געסט האָט זיך געענדיקט די פאַרשטעלונג, וואָס דער ה' וואַגנער האָט סימולירט. אַלע אומגליקלעכע קרבנות זענען איבערגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, וווּ זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

פון דעם מאָמענט, וואָס דער באַגאַזש איז אָנגעקומען אין די גרויסע מאַגאַזינען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אונדזער אַרבעט: קלאַסיפיצירן אַלץ און שנעל. פרויען־קליידער באַזונדער, מענער־קליידער באַזונדער און באַזונדער מאַנטלען. דאָס אַלץ איז געזאַמלט געוואָרן און באַזונדערע קעסלען. איך האָב נאָכהער באַדאַרפט אַלץ סאָרטירן און מאַכן פון זיי פּאַקעטן. די קליידער האָט מען שנעל געלאָדן אין וואַגאָנען און גלייך געשיקט נאָך דייטשלאַנד.

צען מאָנאַטן האָב איך אַזוי פאַרבראַכט אין לאַגער סאָביבאָר און בין אַ לעבעדיקער עדות פון די אַלע אכזריותדיקע מעשים פון די דייטשע רוצחים. מ'האָט דערציילט, אַז פאַר מיין אָנקומען אין לאַגער האָט מען די טויטע קערפּער פון די קרבנות באַגראָבן אין גריבער. ווייזט אויס, אַז די קרעמאַטאָריומס האָבן די פילצאָליקע קערפּערס נישט געקענט אויפנעמען. שפּעטער אָבער — ווינטער־צייט, ווען איך בין שוין דאָרט געווען, האָט מען געבראַכט אַ ספּעציעלע מאַשין, וואָס האָט די אַרויסגעגראָבענע קערפּער פאַר־ברענט. נישט אַנדערש, דערמיט האָט מען אויסן געווען צו פאַרטושן די שפּורן פונעם מאָרד און זיין פאַרנעם.

יעדעס מאָל ווען מ'האָט געבראַכט אַ פרישן טראַנספּאָרט האָט דער ד"ר גומערסקי

באַפֿוילן אַז מ׳זאָל די ניי־אָנגעקומענע אַלטע לייט און קראַנקע איבערפֿירן אין באַזונדערע וועגן גלייך אין שפּיטאָל. דאָרט האָט אויף זיי געוואַרט די קויל פֿונעם דאָקטער זעלבסט. אָן שום געוויסן־ביסן האָט ער די מלאכה מיט זיינע הענט אויסגעפֿירט. דער זעלבער גורל האָט געטראָפֿן יעדן ווען ער האָט זיך געקלאָגט אויף עפּעס אַ ווייטאָג.

אַ שטיק צייט האָב איך געאַרבעט ביים אויפֿשטעלן אַ וואַנדער־לאַגער. צוזאַמען מיט נאָך 4—5 יונגע פֿרויען, האָב איך געגראָבן גריבער, געטראָגן שווערע קלעצער און ווער ס׳האָט נישט באַוויזן פֿלייסיגקייט ביי דער אַרבעט איז ער געשיקט געוואָרן אויף 3 טעג אין דער שטראָף־קאָמאַנדע אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דעם עס־עס־מאַן גוסטאַוו וואַגנער. דאָרט האָט מען די מענטשן געפּייניקט און געשלאָגן אָן רחמנות. נאָר געציילטע האָבן געקענט אויסהאַלטן די דריי טעגלעכע שטראָף. די מערהייט איז פֿון דאָרט לעבעדיק נישט אַרויס. ס׳האָט זיך דאָרט געפֿונען אַ וואַלד־קאָמאַנדע און איר אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אין שניידןביימער אין נאָענטן וואַלד. די אַרבעט איז געווען שוועֶר און די שפּייז קנאַפּ. וואַסער איז אויפֿן פּלאַץ נישט געווען און ברענגען האָט מען עס באַדאַרפֿט פֿונעם נאָענטן דאָרף, אָבער אָן באַגלייטונג פֿון אַן אוקראַאינישן שומר האָט מען נישט דערלויבט. אין אַ געוויסן טאָג האָט אַ גרופּע יונגעלייט באַשלאָסן אַנטלויפֿן. צוליב דעם צוועק האָבן זיי אויפֿן וועג אַוועקגעהרגעט דעם באַגלייטער. אַלס שטראָף פֿאַר דער טאַט האָט מען גענומען אַנדערע 13 יונגעלייט, זיי אַוועקגעשטעלט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ צווישן די לאַגערן 2—1. פֿריהער האָט מען זיי שרעקלעך געפּייניקט אין אָנוועזנהייט פֿון אַלע לאַגער־לייט און שפּעטער זיי געשאָסן לויט דער איניציאַטיוו פֿונעם דאָקטער גומערסקי.

איך געדענק נאָך אַ פֿאַל. מ׳האָט געבראַכט אַ גרופּע יידן קיין סאָביבאָר, גענצלעך נאַקעטע. הערמעטיש האָט מען זיי פֿאַרהאַקט אויף אַ לענגערע צייט אין בהמה־וואַגאָנעס און שפּעטער זיי אַלע אויסגעהרגעט. דער אַקטיווסטער ביי דער אַקציע איז ווייטער געווען דער דאָקטער גומערסקי. אין טאָג ווען דער דאָקטער איז געווען אַרבעטס־לאָז און ס׳איז נישט געווען וועמען צו פּייניקן, — פֿלעגט ער קומען צו אונדז, צוזאַמען מיטן אויבער־שטורם פֿירער פֿראַנצל און אונדז צווינגען זינגען, טאַנצן, קריכן אויף אַלע פֿיר און בכלל מאַכן שווערע איבונגען, און דאָס אַלץ צוליב שפּיל און פֿאַרווײַלונג.

ווינטער 1943 איז אָנגעקומען אין אונדזער לאַגער הימלער זעלבסט. צוליב זיין כבוד האָט מען געבראַכט 300 יידישע מיידלעך מיט אַ טאָג פֿריער. מ׳האָט זיי געהאַלטן אין באַראַקן נישט ווייט פֿון דער אוקראַאינישער קוך. דאָרטן האָט מען זיי געפּייניקט אויף אַ אוממענטשלעכן אופֿן און צו ענדע האָט מען זיי פֿאַר הימלערס אויגן געהרגעט און פֿאַרברענט. דער ציל פֿון דער סאַדיסטישער פֿאָרשטעלונג איז געווען זיך באַרימען פֿאַרן פֿירער און באַווייזן די ענערגישע און נוצלעכע „אַרבעט” אין לאַגער סאָביבאָר.

אָנהייב חודש אָקטאָבער 1943 האָט מען געהרגעט אַלע אַרבעטער פון לאַגער 3. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דער זעלבער גורל דערוואַרט אויך אונדז. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן רעוואָלטירן און אַנטלויפן. דעם 14טן אָקטאָבער האָבן מיר באַשטימט אַלס גינסטיקן טאָג דערצו. אמת, גאָר קנאַפּע אויסזיכטן זיינען געווען, אַז דער פּלאַן זאָל געלונגען, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. ס'איז געווען קלאָר, אַז אונדזער גורל איז אַנטשיידן.

אין דעם באַשטימטן טאָג, ד. ה. דעם 14טן אָקטאָבער, האָבן די מענער פון אונדזער לאַגער באַפאַלן פלוצלינג די עס־עס־מענער. כמעט מיט ליידיקע הענט, זיי אַוועקגעהרגעט, איבערגעריסן דעם עלעקטרישן שטראָם ווי אויך איבערגעשניטן די דראָט־פאַרצוימונגען און זיך געלאָזט לויפן אין ריכטונג פון נאָענטן וואַלד. אַ רעגן פון פייער האָט אונדז נאָכגעפאָלגט. אונדזערע מענער האָבן געענטפערט מיט פייער, באַנוצנדיק זיך מיטן געווער וואָס האָבן גע„ירשנט" פון די געהרגעטע דייטשן. אָבער דער געראַנגל איז געווען אַ שווערער, אַ געראַנגל צווישן נישט קיין גלייכע כוחות. מיר זענען געווען שוואַכע, נישט־דערפאַרענע, הילפסלאָזע און כמעט אָן געווער. דערונטער זיי, די דייטשן — זאַטע, דערפאַרענע און באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. דעריבער זענען אונדזערע מענטשן געפאַלן ביי דער פאַרמעסטונג און גאָר ווייניקע זענען אָנגעקומען אין וואַלד.

אויך אין וואַלד האָבן די שונאים אונדז נישט געלאָזט צו רו. זיי האָבן אונדז אויך דאָרטן פאַרפאַלגט און פון די 600 רעוואָלטירטע זענען געבליבן בלויז 20. איך האָב מיט די לעצטע כוחות קוים זיך דערשלעפּט צו אַ פויער, וואָס האָט געוווינט לעבן שעדלישטשע. זיין נאָמען איז געווען גאָלאָמביעווסקי. איך האָב געהאָפט טרעפן דאָרט מיין פאָטער, אָבער צום באַדויערן האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מיין פאָטער איז געווען אומגעדולדיק צו זיין די גאַנצע צייט באַהאַלטן. ער האָט זיך פון דאָרטן געלאָזט גיין אין שטעטל לענטשנאָ, ווו יידן האָבן נאָך געלעבט רעלאַטיוו די ערשטע צייט רויִק. פון דאָרטן האָט ער געמאַכט דעם לעצטן וועג צוזאַמען מיט יידן פונעם שטעטל צו די קרעמאַטאָריע פון סאָביבאָר. די פאַמיליע גאָלאָמביעווסקי האָט מיך אויסבאַהאַלטן ביז די רוסן האָבן באַפרייט די געגנט.

אין יאָר 1945 בין איך געפאָרן קיין דייטשלאַנד און אין יאָר 1946 האָב איך באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע לויט דער פאָדערונג פון מיין אָנקל. איך בין געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פונעם נאַצישן גיהנום און געבראַכט קיין אַמעריקע די איוב־בשורה. מיין אָנקל און זיין פאַמיליע האָבן מיך זייער שיין אויפגענומען. אין יאָר 1956 האָב איך חתונה געהאַט. היינטיקן טאָג האָב איך צוויי קינדער: אַ טאָכטער אין עלטער פון 18 יאָר און אַ זון אין עלטער פון 11 יאָר. איך האָף, אַז מיינע קינדער וועלן נישט דורכמאַכן דעם גרויזאַמען און ליידן־פולן וועג, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט.

די פאַמיליע פון משה קליינמאַן

משה קליינמאַן איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און זיין פרוי לאה איז געבליבן נאָכן טויט פונעם מאַן אַן אַלמנה מיט פיר קינדער און אָן פּרנסה. כדי צו דערנערן איר פאַריתומטע משפּחה איז זי געוואָרן אַ מילך־פאַרקויפערין. די מילך האָט זי באַקומען פונעם פּריץ, דער אייגנטימער פון דער פאַרם אין דאָרף מאַגעלניץ, אין געגנט פון שעדלישטשע, און זי צעטיילט צווישן די איינוואוינער פון שטעטל. די עלטערע קינדער האָבן איר מיטגעהאָלפן אין איר אַרבעט. אַזוי, האָט די משפּחה געלעבט און זיך דערנערט ביז די מלחמה איז אויסגעבראָכן.

איידער די דייטשן האָבן אָקופּירט שעדלישטשע האָט אַ גרויסע טייל פון דער יידישער יוגנט פאַרלאָזט דאָס שטעטל. צווישן זיי זענען געווען ביידע זין פון דער משפּחה קליינמאַן — שמואל און יואל. גלייך מיט אַנדערע זענען זיי אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. די טעכטער זענען געבליבן מיט דער מוטער אין שעדלישטשע. ערשטנס, האָבן יידישע טעכטער, לויטן שטייגער פון שטעטלעך אין פּוילן, נישט איבערגעלאָזט זייער וווין־אָרט און וואַנדערן איבער דער פרעמד. צווייטנס, ווי לאָזט מען איבער אַן אַלטע מאַמע אַליין ?

אַזוי אַרום, האָבן די מוטער מיט די טעכטער דורכגעמאַכט דעם מאַרטירער־וועג פון די נאַציסטישע רוצחים. די עלטערע טאָכטער, פעסיע, האָט לאַנג נישט געליטן. נאָך אין יאָר 1942 איז זי דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן, און די מוטער מיט דער קלענערער טאָכטער ברכה האָבן זיך געמאַטערט אונטערן יאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע ביזן לעצטן גירוש.

ווי אַזוי האָט ברכה זיך געראַטעוועט און געבליבן לעבן וועלן מיר הערן פון איר זעלבסט.

די דערציילונג פון ברכה פרייבערג־קליינמאַן

בעת דעם לעצטן גירוש בין איך אַנטלאָפן פונעם וועג. צוזאַמען מיט דער מוטער האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט פאַר דער קר־שטאַל פונעם פּריץ אין מאַגעלניץ, דאָרטן וווּ מיר פלעגן באַקומען די מילך.

דער פּריץ האָט אונדז ביידע באַמערקט און געמאָלדן, אַז צום באַדיערן קען ער דער מוטער מיט גאָרנישט העלפן, ווייל דער אויסזען אירער איז אַ טיפּיש יידישער. דאַקעגן איז ער גרייט מיך צו ראַטעווען, ווייל מיין אויסזען איז אַן אַנדערער, אָבער מיט איין תנאי, אַז די מוטער זאָל נישט קומען מיך באַזוכן, ווייל איר באַזוך קען שאַטן

ברענגען אויך מיר און אויך אים. די מוטער האָט באַלד צוגעשטימט, אָבער איך האָב זיך געפּרוּווט קעגן שטעלן. די מוטער האָט אַ לענגערע צייט מיט מיר איינגעטענהט און געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך מוז דעם פּלאַן אָננעמען, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. איך האָב מיט נויט צוגעשטימט, זיך מיט איר געזעגנט, און אויף אייביק, ווייל פֿון דעמאָלט האָב איך זי מער נישט געזען.

אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער גוי רוטקאָווסקי פֿון שעדליִשטשע האָט זי אויסגעגעבן אין די הענט פֿון די דייטשן.

ביים פּריץ אין הויף האָב איך זיך צוגעוווינט זיין איינזאַם צווישן פֿרעמדע, נאָר מיט איינער האָב איך מיך באַפֿריינדעט, — מיט דער אַרבעטערין יאַנקע. דער פּריץ האָט זיך די גאַנצע צייט באַמיט צו פֿאַרטושן מיין יידישן שטאַם. ס׳איז פֿאַראיבער דריי וואָכן און ער האָט באַקומען פֿאַר מיר אַ געבורטס־שיין אונטערן נאָמען סטעפֿאַניאַ הוויטשיק, אַ פּויליש מיידל אין מיין עלטער, וואָס איז געשטאָרבן. מיט דעם דאָקומענט אין האַנט האָט דער פּריץ מיך באַגלייט צו דער באַן־סטאַציע מיט די אָפּשיידס־ווערטער:

„גיי, און גאָט זאָל דיך היטן״.

איך האָב זיך געלאָזט פֿאָרן קיין כעלם. דער פּריץ האָט מיר מיטגעגעבן אַן אַדרעס צו איינעם פֿון זיינע פֿריינד — אַן אייגנטימער אין דאָרף פּיעטראָוויץ — 15 קילאָמעטער פֿון לובלין. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם אַדרעס און בין געפֿאָרן קיין לובלין, אָבער אין דאָרף איז שוין שפּעט געווען צו פֿאָרן. עלנט בין איך געבליבן אין דער פֿרעמדער שטאָט און נישט געוווּסט וווּהין זיך ווענדן. דערווייל האָט אָנגעהויבן צופֿאַלן די נאַכט. נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך זיך געווענדט צו דער ערשטער פֿרוי אין וועלכער איך האָב זיך אָנגעשטויסן און געפֿרעגט זי ווו קען איך געפֿונען אַ פּלאַץ אויף איבערנעכטיקן. די פֿרוי האָט אַ שאַרפֿן קוק געוואָרפֿן אויף מיר, אַ טראַכט געטאָן אַ ווײַלע און געזאָגט: קום מיט מיר! אויפֿן וועג האָט זי מיך געפֿרעגט צי איך האָב אַ פּאַספּאָרט. איך האָב געענטפֿערט, אַז איך האָב נאָר אַ געבורטס־שיין. זי האָט מיר דערקלערט, אַז אָן אַ פּאַספּאָרט וועט מען מיך אין קיין האָטעל נישט אַריינלאָזן. אַפֿילו אין גאַס איז געפֿערלעך זיך צו באַווייזן אָן אַ פּאַספּאָרט. זי האָט באַמערקט ווי מיין פּנים ווערט בלאַס און פֿאַרשטאַנען אין וואָס ס׳האַנדלט זיך. באַלד האָט זי מיך באַרויִקט און א זאַג געטאָן: נישט שרעקלעך! היינטיקע נאַכט וועסטו נעכטיקן ביי מיר. אמת, איך וווין צוזאַמען מיט מיין שוויגער — אַ שלעכטע פֿרוי, — אָבער ווען דו וועסט איר געבן אַ פּאָר גילדן וועט זי שווייגן. איך האָב קיין ברירה געהאַט. גאַנץ פֿרי האָט זי מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף און האָט מיר געראָטן אָפּפּוצן די שיך כדי מ׳זאָל נישט דערקענען, אַז איך בין נישט קיין אָרטיקע. שפּעטער האָט זי מיך באַגלייט ביזן אָרט ווו ס׳געפֿינט זיך דער מילך־פֿאַרקויפֿער פֿון פּיעטראָוויץ און ווירקלעך ער האָט מיך מיטגענומען קיין פּיעטראָוויץ.

דער אייגנטימער פון פיעטראָוויץ האָט אָפּגענומען דעם גרויס פונעם מאָגעלניצער פריץ ווי אויך זיין ביטע, מיר געבן אַרבעט ביי אים אין פאַרם. ער האָט מיך זייער שיין אויפגענומען און איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך קענען בלייבן ביז די לאַגע וועט זיך ענדערן. אָבער נאָך דריי וואָכן צייט האָט ער מיר געמאָלדן, אַז ער האָט מורא מיך ווייטער צו האַלטן, און איך מוז פאַרלאָזן זיין הויז.

ווייטער בין איך שטיין געבליבן פאַר דער פראַגע: וווּהין?

פלוצלינג האָט אַ בליץ געטאָן אין מוח אַ געדאַנק: צו יאַנקען! צו דער פרוי, מיט וועלכער איך האָב זיך באַפריינדעט אין דער מאגעלניצער פאַרם.

איך בין אָנגעקומען אין כעלם און גלייך צו יאַנקען. צו מיין גליק איז יאַנקע געווען אין די לעצטע מאָנאַטן פון שוואַנגערן און האָט זיך גענייטיקט אין הילף. מיר ביידע זענען געפאַלן אויף דער געלעגנהייט און אַפילו איר מאַן — אַ געבראָטענער אַנטי־סעמיט — האָט אויך צוגעשטימט, אַז איך זאָל בלייבן ביי זיי אין הויז, אלס לעגאַלע הויז־העלפערין פון זיין פרוי.

אייניקע מאָנאַטן האָב איך פאַרבראַכט ביי יאַנקען אין הויז, אָבער נאָכן געבוירן האָב איך דערשפּירט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועל איך מוזן פאַרלאָזן דאָס הויז, אָבער דאָ איז, צו מיין גליק, געקומען די „רפואה" פאַר דער „מכה". די אַקושערין וואָס האָט באַדינט יאַנקען, האָט זיך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל פאַר איר געפינען אַ הויז־העלפערין צווישן מיינע פריינד. ווייזט אויס, אַז מיין אַרבעט ביי יאַנקען איז איר געפעלן. איך האָב איר פאָרגעלייגט מיך זעלבסט. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיין פאָרשלאַג און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך אַריבערגעגאַנגען צו דער אַקושערין. ווייזט אויס, אַז די אַקושערין און איר פאַמיליע האָבן נישט געוווּסט וועגן מיין יידישן שטאַם.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך זיך געווענדט צו דער אַקושערין מיט אַ ביטע: היות איך האָב נאָר אַ געבורטס־שיין וועל איך זי בעטן, אַז זי זאָל מיר אַרויסהעלפן צו באַקומען אויפן גרונט פון דעם דאָקומענט אויך אַ פּאַספּאָרט. די אַקושערין, נישט האָבנדיק קיין שום פאַרדאַכט האָט מיין ביטע דערפילט. זי האָט אויסגעפונען 2 עדות, וועלכע האָבן דעקלאַרירט פאַר די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי קענען מיך, און אויפן סמך פון זייער עדות־זאָגן האָב איך באַקומען אַ לעגאַלן פּאַספּאָרט.

צען מאָנאַטן האָב איך געאַרבעט ביי דער פאַמיליע און ביידע צדדים זענען געווען צופרידן. אָבער ווייזט אויס, אַז די מאָס פון מיינע יסורים איז נאָך נישט געווען פול. מאַכט זיך, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צופעליק דורכגעגאַנגען אַ פויליִשער יונגער־מאַן פון שעדלישטשע נעבן דעם הויז פון דער אַקושערין, האָט מיך דערקענט און זאָפאָרט זיך געווענדט צו די בעלי־בתים מיט אַן אָנקלאַגע, אַז זיי באַהאַלטן אויס ביי זיך אין הויז אַ יידישקע. פאַרשטענדלעך, אַז באַלד האָט מען מיר אָפּגעזאָגט.

פון ס'ניי האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַרבעט אָבער אין אַ צווייטער טייל פון שטאָט און האָב זיך איינגעאָרדנט אַלס הויז־העלפערין ביי אַ נייטאָרין, אָבער לאַנג האָב איך נישט געקענט אַרבעטן ביי איר. ווייזט אויס מיין אַרבעט איז איר נישט געפעלן, אָדער זי איז געווען אַ דיקטאַטאָרין. און ווען זי האָט מיר באַמערקט, אַז איך אַרבעט ווי אַ יידישקע, האָט מיך פאַרדראָסן און לויט דער עצה פון מיין חברטע יאַנקע האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די אַרבעט. און ווייל איך בין שוין געווען לעגאַליזירט האָב איך זיך געווענדט אין אָפיציעלן אַרבעטס־אַמט און באַקומען אַרבעט אין דער קאַזאַרמע פון עס־עס. דאָ אין דעם „כשרן" פלאַץ האָב איך געאַרבעט ביזן סוף יאָר 1944. צו יענער צייט האָט זיך דערנענטערט דער רוסישער פראָנט און ווען די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן עוואַקויִרן בין איך אַוועק צו די עלטערן פון מיין פריינדין יאַנקע און ביי זיי געאַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט ביז דאָס אָרט איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין שעדלישטשע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון אַלע שעדלישטשער יידן זענען געבליבן לעבן בסך־הכל זיבן מענטשן און איך בין איינע פון זיי.

די פאַמיליע פון יהושע קליינמאַן

די פאַמיליע פון יהושע קליינמאַן איז געווען פון די בכבודיקסטע פאַמיליעס אין שעד־לישטשע. צוויי זין און פיר טעכטער האָט די פאַמיליע פאַרמאָגט. דער פֿאָטער יהושע האָט געהאַנדלט מיט תבואה, דאָס הייסט, ער איז געווען איינער פון די סוחרים אין שטעטל.

ערב דער וועלט־מלחמה האָט דער עלטערער זון יואל געדינט אין פוילישן מיליטער און אין די ערשטע שלאַכטן איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן. די עלטערע טאָכטער אסתר האָט נאָך עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה עולה געווען קיין ישראל. די איבריקע קינדער זענען פאַרבליבן מיט די עלטערן און אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע געליטן צוזאַמען מיט אַנדערע.

אין די ערשטע צוויי יאָר פונעם נאַציסטישן רעזשים איז געשטאָרבן דער פאָטער, ביידע זין און צוויי טעכטער. בעתן לעצטן גירוש זענען געבליבן נאָר רחל קליינמאַן מיט איר טאָכטער פרומע. איך האָב געפרוּווט שמועסן מיט דער פרוי רחל וועגן אירע איבערלעבענישן, אָבער זי האָט מיך אָפּגעפּטרט מיט איין פסוק: „קיין מענטש אין דער וועלט קען נישט אויפפאַסן דאָס וואָס די דייטשן האָבן אונדז געטאָן און קיינער

קען בשום אופן נישט באַגרייפן די גרויזאַמע מעשים וואָס זענען געשען". און דאָ האָט זי איבערגעריסן אירע ווערטער, טרערן האָבן זי אָנגעהויבן שטיקן און מער נישט געקענט פאָרזעצן. איך האָב געפילט, אַז יעדעס וואָרט נעמט צו אַ טייל פון איר לעבן. האָב איך באַשלאָסן נישט גריבלען זיך מער אין די ווונדן פון אַ שוואַכער אויסגעמוטשעטער פרוי, וועלכע איז בײַגעשטאַנען אַזאַ ביטערן נסיון, דורכמאַכנדיק אַלע „שבעה מדורי גיהנום" און איז געבליבן איינע פון די יידישע מאַמעס, וואָס טראָגט אין זיך דעם צער און ווייטאָג פון אַלע. צוזאַמען דאַמיט סימבאָליזירט זי מיט זיך אַ געוואַלדיקן ווידערשטאַנד־כוח קעגן דעם גרויזאַמען רעזשים פון דער דייטשער חיה.

וועגן אירע איבערלעבענישן דערציילט איר טאָכטער פרומע.


די דערציילונג פון פרומע טעפער־קליינמאַן

אָוונט־צײַט פאַרן לעצטן גירוש האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל, אַז צו מאָרגנס 6 אַ זייגער פרי, זאָלן אַלע יידן זיין אויפן פלאַץ פון שטאָט־צענטער. און נעמען מיט זיך אַ באַגאַזש נישט מער ווי 8 ק"ג. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז שוין די לעצטע „אַקציע" און דער ציל איז צו מאַכן דאָס שטעטל שעדלישטשע „יודנריין".

יענעם אָוונט זענען מיר אַוועק זיך באַהאַלטן ביים פויער ליפּצ'אַק, וועלכער האָט אונדז פאַרזיכערט, געווינטלעך פאַרן פרייז פון אייניקע טייערע זאַכן, אַז ער וועט אונדז אויסבאַהאַלטן. צומאָרגנס האָט ער אונדז דערציילט וועגן אַלע פּאַסירונגען פונעם טאָג. דעם זעלבן אָוונט איז געקומען צו אונדז מיטן זעלבן ציל דער פעטער יאָסל קאַרפּף מיט זיין טאָכטער חומה. ער האָט אונדז דערציילט אַז אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע האָבן די דייטשן דערשאָסן די אַלע יידן וואָס זענען געבליבן הינטערשטעליק און אַז ביי דער סטאַציע סטאַוו האָבן די דייטשן פונאַנדערגעטיילט צווישן עלטערן און קינדער. וועגן מאָטל זאָנשיין (מאָטל שיע קאָשעמאַכערס) האָט ער דערציילט, אַז ער האָט באַצאָלט אַ פויער אַ געוויסן סכום געלט כדי ער זאָל אויסבאַהאַלטן זיינע צוויי קינדער, און וויבאַלד דער גירוש האָט אָנגעפאַנגען האָט דער פויער איבערגעגעבן די קינדער אין די הענט פון די דייטשן און זיי האָבן זיי דערשאָסן אויפן פלאַץ.

אויך אונדזער פויער ליפּצ'אַק האָט אונדז דערקלערט, אַזוי ווי די „שכנים" האָבן אונדז באַמערקט ביי אים, דערפאַר פאַרלאַנגט ער, אַז מיר זאָלן זאָפאָרט פאַרלאָזן זיין הויז. ווייזט אויס, ער האָט דערשפּירט, אַז מיר פאַרמאָגן שוין גאָר נישט און ער וועט אונדז מער נישט קענען אויסנוצן.

די זעלבע נאַכט האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן זיין הויז. וווּהין גייט מען? אָן אַ שום



פון לינקס (שטייען): יואל און גאָלדע קליינמאַן ותל״א פרומה קליינמאַן.
פון רעכטס (זיצן): אלי׳עזר קליינמאַן און זיינס אַ חבר ז״ל.

ציל האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין דער נאַכט־פינצטערניש. געגאַנגען דורך פעלדער ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַן אָרט פון זומפּן, טאָרף־זומפּן. שעהען־ווייז האָבן מיר געבלאָנדזשעט צווישן די זומפּן ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ קליינער בודקע, נישט ווייט פון אַ לעבעדיקן ישוב. אין דער בודקע האָבן מיר געפונען אַ באַקאַנטע פויערטע, אַן אָרעמע אלמנה. זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין באָדן צו באַאַרבעטן. זי האָט זיך דערנערט פון שפּינען און נייען. איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל איר העלפן ביים נייען, אַבי מיר זאָלן זיך קענען געפינען ביי איר און באַקומען עטוואָס עסן צו דער־האַלטן די נשמה. זי האָט צוגעשטימט און איך בין געזעסן טאָג און נאַכט און האָב געניייט.

די פרוי האָט געהאַט צוויי איידעמס — גרויסע אַנטיסעמיטן — און זיי פלעגן זי אָפט באַזוכן. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן באַזוכט האָט זי אונדז אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט די אַלטע אונדז געמאָלדן, אַזוי ווי זי האָט מער נישט קיין אַרבעט קען זי אונדז מער נישט האַלטן און מיר מוזן פאַרלאָזן איר הויז.

ביי נאַכט האָבן מיר פאַרלאָזט איר הויז און זיך געלאָזט זוכן אַן אַנדער „מקום מנוחה". דאָס מאָל זענען מיר געגאַנגען זוכן לויט אַן אַדרעס, אַ צווייטע אַלמנה. מיר האָבן געפונען איר וווינונג און זי האָט אונדז אויפגענומען פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל.

די אלמנה איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי און איר פלעגט באַזוכן פון מאָל צו מאָל אַ באַקאַנטער יונגער מאַן. איין מאָל אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט איז דער באַקאַנטער געקומען טויט שיכור און איז אָנגעפאַלן אויף אונדז: „איבער אייך, יידן פאַרשאָלטענע דאַרפן מיר איינשטעלן אונדזער לעבן, באַלד זאָלט איר זיך אָפּטראָגן״. ער האָט געכאַפּט אַ דיקן לעדערנעם פּאַסיק און אונדז געשלאָגן. איך האָב זיך געבעטן ביי אים ער זאָל אונדז נישט שלאָגן, מיר זענען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, אָבער ער זיינס, שעלט און שלאָגט. איך האָב געזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול, ביז איך געפאַלן אויף אַן עצה:

איך זע, אַז מיר זענען סיי ווי פאַרפאַלן האָב איך געזאָגט, איך גיי גלייך אין דער דייטשער פּאָליציי, מעלדן אַז מיר זענען געווען ביי אייך עטלעכע מאָנאַטן, איר האָט אונדז געגעבן עסן און טרינקען און דעמאָלט וועט איר באַקומען די זעלבע שטראָף ווי מיר.

ווייזט אויס, אַז מיינע דראָונגס־ווערטער האָבן געווירקט און די פרוי האט געווירקט אויפן באַקאַנטן, ער זאָל אונדז מער נישט שלאָגן און לאָזן אונדז איבערנעכטיקן.

גאַנץ פרי האָט די פרוי אונדז אויפגעוועקט און פאָרזיכטיק אַרויסגעפירט פון צימער כדי דער באַקאַנטער אירער זאָל נישט הערן דעם סקריפּ פון דער טיר. ווי נאָר מיר זענען אַרויס, האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן כדי צו דערווייטערן זיך פונעם אָרט. מיר זענען געלאָפן נישט ווויסנדיק וווהין. דורך בערג און טאָלן. ביז מיר זענען געגנוג מיד געוואָרן און זיך געזעצט אָפּרוען. אַ געדיכטער שניי איז די גאַנצע צייט געפאַלן. ווען מיר האָבן דערפילט אַ שטאַרקע קעלט האָבן מיר געפּרוווט זיך אויפהייבן, אָבער נישט געקענט, ווייל די קליידער זענען געווען צוגעפרוירן צו דער ערד. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָבן מיר באַפרייט די קליידער און ווייטער זיך געלאָזט לויפן באַזונדערס זענען מיר אויסן געווען כדי אַ ביסל זיך דערוואַרעמען. לויפנדיק אַזוי זענען מיר צוגעקומען צו אַ שטיבל. ווען דער פויער, דער בעל־הבית פונעם שטיבל האָט אונדז דערזען, איז ער איבערראַשט געוואָרן, און זיין איבערראַשונג איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל פאַר יעדער שטוב האָט געהאָנגען אַ וואָרנונג מיט גרויסע אותיות, אַז ווער ס'וועט אויסבאַהאַלטן יידן איז זיין שטראָף — טויט. דאָך האָט אונדזער אויסזען גערירט דאָס האַרץ פונעם פויער, ער האָט געעפנט פאַר אונדז אַ קעלער און געבראַכט פאַר אונדז עפּעס עסן. מיר האָבן פאַרגעלייגט צו אַרבעטן אין זיין ווירטשאַפט, אויב ער וועט אונדז דערלויבן דאָ ווווינען. דערויף האָט ער געענטפערט, אַז ווען זיין שוואָגער, וואָס געפינט זיך איצט ביי אים וועט פאַרלאָזן זיין הויז וועט ער אונדז איבערפירן אין שטאַל. דאָרט איז פיל וואַרעמער. נאָך אַ שעה צייט זענען מיר אַריבער

אין אונדזער נייער וווינונג. דאָ, אין דעם קליינעם שטאַל האָבן מיר געפונען אַ וואַרעם ווינקל אין שכנות מיט דער קו, קעלבלעך און הינער.

אויף דעם פּלאַץ האָבן מיר זיך געפונען דריי מאָנאַטן. פון צייט צו צייט פלעג איך, באַזונדערס אָוונט־צייט אַרויס פון שטאַל, זיך אַריינגנבענען אין אונדזער שטעטל, פאַר־זיכטיק אַריינגיין צו אונדזער גוטן שכן זשוקאָווסקי, ביי וועמען מיר האָבן אויסבאַהאַלטן אַ טייל פון אונדזער צירונג און אַנדערע ווערט־זאַכן און אַרויסנעמען עפּעס צו פאַר־קויפן כדי מיר זאָלן איינקויפן עס־פּראָדוקטן. מחמת העפלעכקייט פלעג איך פאַרשלאָגן די זשוקאָווסקיס עפּעס צו קויפן. מ׳באַדאַרף באַצייכענען, אַז די פרוי זשוקאָווסקי האָט שטענדיק באַצאָלט פאַר יעדער זאַך מער וויפל איך האָב אָפּגעשאַצט און דערצו נאָך מיטגעבן עפּעס עסנוואַרג.

מיטן אָנקום פון פרילינג 1943 איז געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אין פעלד, אין גאָרטן, זאַמלען אַ ביסל גרינוואַרג. נישט איין מאָל האָב איך סימולירט אַן אוקראַיִניש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון די עשאַלאָנען אַרבעטער געפירטע קיין דייטשלאַנד און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. די פּויערים האָבן געהאַט מיטלייד אויף אַזעלכע מיידלעך און פלעגן זיי באַשענקען מיט אַלדעסגוטס. ווען איך האָב אַזאַ געשאַנק באַקומען בין איך געלאָפן זאָפאָרט זיך טיילן מיט מיין מוטער.

ווען דער זומער איז געקומען האָבן מיר אונדזער ווינ־אָרט אַריבערגעפירט פון שטאַל אין די הויפן־היי. איין מאָל ווען מיר האָבן זיך געפונען אויף אַזאַ הויפן זענען געקומען יונגע אוקראַיִנער נעמען היי פון די הויפנס און אונדז דאָרט באַמערקט. זיי האָבן געפאָדערט, אַז מיר זאָלן אַראָפּ פון די הויפנס. איך האָב זיי געדראָט, אַז מיר זענען פון די פּאַרטיזאַנען און ווען זיי וועלן אונדז שלעכטס טאָן וועלן די פּאַרטיזאַנער מיט זיי זיך אָפּרעכענען. מיין דראָונג האָט ווייזט אויס געווירקט, און זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

דאָך האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר מוזן דאָס אָרט פאַרלאָזן. מיר זענען געקומען צו אַ צווייטן פּויער, וועלכער פלעגט נאָך פאַר דער מלחמה ביי אונדז זייער אָפט עסן. ווען ער האָט אונדז דערזען האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי אויפן קול: „זאָשע, קום גיכער. ס׳זענען געקומען יידן. מיר וועלן זיי כאַפּן און איבערגעבן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע און פאַר זיי באַקומען זאַלץ" (אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין זאַלץ). אויף דעם שיינעם פאָרשלאַג בין איך אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און געזאָגט: זיי ווייסן, אַז די מלחמה איז נאָך ווייט פון ענדע. מ׳ווייסט נאָך נישט וועמענס מאָרגן איז. היינט הרגעט מען אונדז, מאָרגן — מעגלעך אייך. אויסער דעם געדענק, אַז אין דער געגענט ווימלען פּאַרטיזאַנען, אונדזערע חברים, און זיי וועלן זיך מיט אייך אָפּרעכענען ווען איר וועט נאָר פּרווון אונדז שלעכטס טאָן. נישט אַנדערש,

מיינע ווערטער האָבן געווירקט אויף זיי ווי אַ קאַלטער דוש. דער פויער האָט זיך באַרעכנט און האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיך אין הויז. צו אונדזער פאַרפיגונג האָט ער געשטעלט דעם בוידעם און אַפילו „מכבד" געווען פון מאָל צו מאָל מיט עפּעס עסן.

דער זומער איז פאַרהעלטניסמעסיג אַריבער נישט שלעכט. מיר האָבן זיך גע־שפּייזט מיט גרינוואַרג, וואָס מיר האָבן געפונען אין די פעלדער און גערטנער. דאָס ארט עסנוואַרג האָט מיר געקאָסט טייער. איין מאָל האָב איך פאַרזוכט פון די ווילדע פרוכטן און ווייל זיי האָבן מיר געשמעקט האָב איך זיך איבערגעגעסן און פאַרסמט דעם מאָגן. אַ לענגערע צייט בין איך געווען קראַנק און נישט געקענט זיך רירן פונעם אָרט. אין דער צייט האָט די מאַמע געמוזט אויספילן מיין אַרבעט. גייענדיק איין מאָל זוכן וואַסער האָט זי באַגעגנט אַ פויער. ער האָט נאָכגעפאָלגט אירע טריט און איז געקומען צו אונדז. ער האָט זיך מיט אונדז צעשמועסט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל אונדז העלפן. ער איז אַוועק אונדז ברענגען אַ שטיקל ברויט. מיין מוטער האָט געצווייפלט אין זיין אויפריכטיקייט און פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן בייטן אונדזער „וווין־אָרט". איך דאַקעגן בין געווען קראַנק. זיך באַוועגן איז מיר געווען שווער, האָב איך געזאָגט: זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין, ברויט אָדער טויט! איך קען שוין נישט מער.

אין עטלעכע טעג ארום איז געקומען אַ צווייטער פויער, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס קאָמוניסט, און אונדז געוואָרנט פון יענעם ברויט־געבער. לויט זיינע רייד וועט יענער אונדז איבערגעבן אין די הענט פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע ביי דער ערשטער געלעגנהייט ווען ער וועט קענען פאַר אונדזערע קעפּ באַקומען אַ פלאַש בראָנפן. ער האָט אונדז געראָטן גיין אין שכנותדיקן דאָרף מאַצ'ולאָ ווו עס וווינט זיינער אַ באַקאַנטער און זיין פרוי איז שווער קראַנק. ער וועט אונדז גערן אויפנעמען אויב מיר וועלן מסכים זיין העלפן אים אין זייןווירטשאַפט.

מיר האָבן אָנגענומען זיין פאָרשלאַג. און ווירקלעך, יענער פויער האָט אונדז זייער שיין אויפגענומען, און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין זיין ווירטשאַפט. די מאַמע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַן אַלטער סטאַדאָלע — ווייט פון זיין ווירטשאַפט, און איך פלעג יעדן אָוונט קומען צו איר און מיטברענגען שפּייז. בכלל איז דאַן דער איינציקער ציל אין מיין לעבן געווען די מאַמע, זי אויפצוהאַלטן ביים לעבן כל זמן ס'איז נאָר מעגלעך.

אַ געוויסן אָוונט האָב איך זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט און נישט געפונען די מאַמע אין איר וווינונג. נידערגעשלאָגן ביז גאָר האָב איך באַשלאָסן, אַז צומאָרגנס וועל איך גיין זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע. נישטאָ די מאַמע — נישטאָ מער קיין ציל אין לעבן! אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן אויספירן מיין באַשלוס איז די מוטער אָנגעקומען און דערציילט, אַז שקצים פונעם דאָרף זענען זי באַפאַלן מיט שטיינער און זי נאָכגעיאָגט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געבלאָנדזשעט אין דער געגנט.

דער פֿויער איז געווען שטאַרק איבערראַשט פֿון דער געשעעניש און האָט אונדז דערקלערט גאַנץ פּשוט, אַז ער האָט מורא אונדז ווייטער צו האַלטן, ווייל די דייטשן קענען זיך דערוויסן און וועלן אים באַשטראָפֿן, און געפֿאָדערט מיר זאָלן ביז אין דער פֿרי פֿאַרלאָזן זיין וווינונג.

ביי נאַכט איז דער פֿויער אַוועק אויף שמירה און מיר זענען געזעסן פֿאַרטיפֿט אין זאָרג ביז מיר האָבן איינגעדרימלט. פּלוצלינג האָב איך דערזען מיין פֿאָטער אין חלום און הער זיין שטים: טאָכטער, זאָרג נישט, אַלץ איז אין אָרדנונג. דער פֿויער וועט אייך נישט אַרויסטרייבן. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט מיט שרעק און דערציילט וועגן חלום דער מאַמען. זי, ווי איר שטייגער איז, האָט דערקלערט די באַדייטונג צום גוטן און האָט געזאָגט: „גאָט וועט אונדז היטן, טאָכטער"!

גאַנץ פֿרי האָבן מיר באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן די שטאַל נאָך איידער דער פֿויער וועט צוריקקומען פֿון דער שמירה, אָבער פּונקט ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין פֿון דער שטאַל איז אָנגעקומען דער פֿויער. מיר האָבן געפּרוּווט זיך פֿאַרענטפֿערן אויף אונדזער פֿאַרשפּעטיקונג, אָבער ער האָט אונדז איבערגעריסן און געזאָגט: „איר קענט בלייבן"! און דאַביי צוגעגעבן מיט אַ באַזונדערער ווייכקייט אין זיין שטים: „איך בין געווען אין שמירה אויפֿן יידישן בית־עולם און בין איינגעדרימלט אַ ווײַלע, פּלוצלינג איז געקומען אייער מאָשעק, (ד. ה. משה) און הייבט מיך אָן וואַרגן. איך האָב פֿאַרשטאַנען די אורזאַכע און האָב אים צוגעזאָגט, אַז כל זמן ס'וועט זיין מעגלעך וועל איך אייך האַלטן ביי מיר און אייך שיצן".

פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר דאָך נישט איין מאָל געמוזט בייטן אונדזער וווין־אָרט. יעדעס מאָל ווען די דייטשן זענען געפֿאַלן אויף אונדזערע שפּורן האָבן מיר איבערגעוואַנדערט אויף אַ צווייטן פּלאַץ. אַזוי זענען מיר ווי „גלגולים" געוואַנדערט איבער קעלער און שטאַלן, איבער שפּייכלער און היי־הויפֿנס.

אַ געוויסע צייט האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שפּייכלער ביי דעם פֿויער, וואָס האָט זיך דערקלאַרירט אַלס קאָמוניסט. איייניקע וואָכן זענען מיר ביי אים געווען. די פֿרוי און אירע שכנות האָבן זיך זייער גוט באַצויגן צו אונדז.

איין מאָל ביי נאַכט האָבן מיר באַמערקט, אַז עמעצער דערנענטערט זיך צום שפּייכלער און דערפֿילט אויך אַ ריח פֿון ספּירט. מיר זענען דערציטערט געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך געעפֿנט די טיר, און דער פֿויער „שיכור" ווי „לוט" קומט אַריין מיט אַ בייטש אין האַנט און הייבט אונדז אָן שלאָגן און שעלטן. מיר האָבן אים געפּרוּווט באַרויִקן, בעטן, אָבער ס'העלפֿט נישט. מיר זענען אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם הויפֿן, און מירביידע זענען שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. אָבער דער גוי, מלא־רציחה האַלט אין איין שלאָגן. דאָ האָב

איך באַשלאָסן אָנווענדן מיין אַלט מיטל און זיך אויסגעשריגן: וואָס מיינסטו, די דייטשן וועלן נאָר אונדז אומברענגען? געדענק, אַז צוזאַמען מיט אונדז וועסטו אויך אומקומען. באַלד גיי איך מעלדן די דייטשן, אַז איך האָב זיך ביי דיר אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט. מיך וועלן זיי שיסן, סיי ווי איז מיר שוין נמאס דאָס לעבן, אָבער אויך דיך ווייל דו האָסט געבראָכן דאָס געזעץ, וועלן זיי הרגענען. **דאָס מיטל, ווייזט אויס, האָט געווירקט און דער פּויער האָט זיך פון שרעק אויסגעניכטערט און באַרויִקט. דאַן האָב איך געפֿאָדערט פון אים ענערגיש, אַז ער זאָל אונדז נאָך ביי נאַכט איבערפירן איבערן טייך אין נאָענטן וועלדל. נישט האָבנדיק קיין ברירה האָט דער פּויער אויסגעפירט מיין פֿאָדערונג.**

יענע טעג זענען געווען שטאַרק רעגנדיקע און מיר האָבן קיין שום־אָרט נישט געפונען. מיר זענען געווען נאַס דורך און דורך. אָבער עפּעס אַן אינערלעכער כוח האָט אונדז געשטויסן פאָרצוזעצן דעם קאַמף פאַרן לעבן. איין מאָל, אַזוי זיצנדיק צווישן די נאַסע קוסטן־ביימלעך האָבן מיר דערהערט טריט. דאָס איז געווען דער פּויער וואָס שיכורערהייט האָט ער אונדז געשלאָגן. ער האָט אונדז געבראַכט אַ גרויסע פלאַש מילך און אַ גרויס שטיק ברויט. ווייזט אויס, אַז דאָס געוויסן־ביסן פון אַזוי גערופענעם קאַמוניסט האָט אים געמוטשעט און האָט געזוכט אַ וועג פון ענטשולדיקונג. אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נאַסער ערד און האָט זיך צעוויינט אויפן קול, ממש ווי אַ קליין קינד. ער איז נישט שולדיק — האָט ער געטענהט. די ווייבער האָבן אים אָנגעטרינקען און אים פאַרפירט אויפן שלעכטן וועג. ער האָט געוויינט און געבעטן ענטשולדיקונג. מיר האָבן אויך געוויינט קוקנדיק אויף אים און אים מוחל געווען. פון יענעם טאָג אָן פלעגט ער אונדז אָפט באַזוכן. אָפט מאָל האָט ער אונדז איבערגעלאָזט זיין עסן, וואָס ער האָט מיטגענומען פאַר זיך אין פעלד. נישט־קשה, האָט ער געזאָגט, איך וועל נישט שטאַרבן פון הונגער, אָבער איר — אַזוי פיל יאָרן ליידט איר — אויף אייך איז אַ רחמנות.

ווייזט אויס נישט קיין געמאַכטער קאָמוניסט!

די מלחמה האָט שוין געהאַלטן ביי ענדע. דאָס הילכיקע שיסערייען פון די האַרמאַטן האָט מען געהערט שוין פון נישט־ווייט, אָבער אונדזערע כוחות זענען שוין געווען אויסגעשעפּט. מיין קערפּער איז געווען פול מיט ווונדן. אויף איין פוס האָב איך געהאַט 24 ווונדן און אויף דעם צווייטן 15. דאָס געשווילעכץ האָט זיך צעשפּרייט כמעט אויפן גאַנצער קערפּער. ס'האָט זיך געפילט אין דער לופט, אַז דאָס זענען שוין די גסיסה־טעג פון דער מלחמה — די פּויערים אין דער געגנט האָבן זיך אָנגעהויבן באַציִען בעסער און בעסער. מ'האָט אונדז אַפילו פאָרגעלייגט איבערגיין נעכטיקן אין זייערע שפּייכלער.

ביי נאַכט זענען מיר געשלאָפן אין אַ שפּייכלער און געהערט די גאַנצע צייט דעם רויש פון אויטאָס, וואָס לויפן דורכן דאָרף. מיר האָבן נישט געקענט פעסטשטעלן פון וואָס

פאַר אַ זייט זיי קומען, צי מצד די דייטשן, צי פון די רוסן. צו אונדזער פרייד האָבן מיר זיך צומאָרגנס דערוווּסט, אַז דאָס איז דאָס רוסישע מיליטער, וואָס האָט אָן שלאַכט פאַרכאַפּט דאָס דאָרף. מיר זענען אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש, אָבער, דאָך נאָך איצט האָט געפעלט דאָס זיכערהייט־געפיל. גרופּן פון די פּוילישע און אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן האָבן נאָך געבושעוועט אין דער אומגעגנט. מיר זענען נאָך געזעסן אַ שטיק צייט ביי אונדזער גאַסט־פריינדלעכן פּויער. איין טאָג בין איך אַרויס מיט דער פּויערטע צונויפלייגן אַ הויפן שטרוי, דערפאַר האָט זי צוגעזאָגט אַ געשמאַק מיטאָג. מיין אַרבעט איז איר נישט געפעלן און זי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף מיר: „אַ יידישקע בלייבט אַ יידישקע — זי האָט נישט ליב צו אַרבעטן", האָט זי געזאָגט. פון גרויס פאַרדראָס בין איך געפאַלן און פאַרחלשט געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג זענען געקומען רוסישע זעלנער און געבעטן מילך. אַזוי ווי איך האָב רוסיש נישט פאַרשטאַנען האָב איך געמיינט, אַז זיי פרעגן וועגן מיר און האָב זיך דערשראָקן, אָבער אַז מ'האָט מיר דערקלערט אין וואָס ס'האַנדלט זיך האָב איך זיך באַרויִקט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט גיין קיין שעדלישטשע. דאָ האָבן מיר באַגעגנט די אָרעמע אַלמנה, וואָס מיר האָבן זיך אין איר הויז אויסבאַהאַלטן: זי האָט אונדז געהאַלדזט און געקושט און מיר האָט זי געזאָגט: אין זכות פון דעם, וואָס דו האָסט געהיטן דיין מוטער האָט גאָט אייך ביידע אָפּגעהיטן און איר זענט ביידע לעבן געבליבן.

די פאַמיליע ראָזען

די פאַמיליע פון ישראל ראָזען שטאַמט פונעם דאָרף בערעזינע, אַ מרחק אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פונעם שטעטל שעדלישטשע. דער פּרנסה־מקור פון דער פאַמיליע איז געווען די בערעזינער וואַסער־מיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה נאָך פון זיין זיידן מצד דער מוטער. די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געאַרבעט אין מיל און פאַר נאַכט־צו פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים, דאָס הייסט אין שטעטל, כדי זיך צו געפינען אין אַ יידישער סביבה.

אַזוי דערציילט יעקב ראָזען

איך בין געבוירן געוואָרן אין דאָרף בערעזינע. מיין מוטער איז געווען אַ בת־יחידה ביי אירע עלטערן. מיין זיידע איז געווען דער אייגנטימער פון דער וואַסער־מיל און

פון איר האָט ער און זיינע קינדער געצויגן חיונה. מיין פֿאָטער איז געווען אַ סוחר און איז געווען אין האַנדלס־באַציִונגען מיט די פּריצים פון דער סביבה.

פינף ברידער זענען מיר געווען און איין שוועסטער. איך בין געווען דער ייִנגסטער. אונדזער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען נישט שלעכט און מיין יוגנט איז דורך אָן זאָרג. ווייל אין דאָרף איז געווען ווייניק יידן האָב איך געמוזט לערנען פּריוואַט — אין חדר, און דער חדר איז געווען טאַקע ביי אונדז אין הויז. מערסטנטייל בין איך דערצויגן געוואָרן אין שויס פון דער נאַטור און דאָס האָט אויף מיר נישט ווייניק געווירקט.

ביי אונדז אין הויז פלעגן זיך צונויפקומען יעדעס מאָל באַקאַנטע און ס׳פלעגן זיך פירן שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. איך געדענק, אַז די ערשטע זאַך, וואָס האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון מיין דאָרפישער רויִקייט איז געווען די ידיעה פון אַ באַקאַנטן, אַז דעם נאָענטן זונטיק גרייט מען זיך צו אַ פּאָגראָם אין שטעטל, און אַז די „פּני״ פון שעדלישטשע האָבן „מטמא״ געווען דעם פּאָליצמייסטער מיט אַ גאַנצן „פינף־און־צוואַנציקער און ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט שטיין אויף דער וואַך און אין שטעטל וועט זיין רויִק. און ווירקלעך ער האָט זיין צוזאָג מקיים געווען און דער זונטיק איז פאָריבער רויִק. אָבער פון מיר פערזענלעך איז די רו אַוועק. איצט האָב איך אָנגע־הויבן באַגרייפן דאָס, וואָס כ׳האָב געלערנט אין חדר וועגן חורבן בית־המקדש, וועגן דער פאַרלוירענער זעלבסטשטענדיקייט און וועגן ביטערן גלות. צו יענער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן אַריינקוקן אין צייטונגען און האָב שוין געוווסט וועגן געשעענישן אין דער גאַנצער וועלט — וועגן אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען, ווי די „שוואַרצע מאה״ אין רוסלאַנד און די „ענדעקעס״ אין פּוילן, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפט צווישן זיך זענען זיי אָבער געווען פאַראייניקט אין זין פון שנאה לגבי יידן, וועמענס צאָל האָט דערגרייכט אין די גרעניצן פונעם אַמאָליקן רוסלאַנד ביז 7 מיליאָן.

די צווייטע זאַך, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסלט איז געווען דער בלוט־בלבול אויפן ייד ביייליס פון קיִעוו — אַ בלבול, וואָס איז געווענדט נישט קעגן אַ יחיד, נאָר קעגן כלל ישראל און געשאַפן אַ פּאָגראָם־שטימונג אין אַלע טיילן פון לאַנד. איך גע־דענק, אַז אין יענע טעג האָבן מיר זיך געשראָקן אַרויסצוגיין פון הויז. די גויים האָבן אונדז באַטראַכט אַלס ווילדע מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט מענטשן־בלוט פאַר פּסח־דיקע מאכלים און דערפאַר געקוקט אויף אונדז בייז. אמת דער באַפרייונגס־אַקט פאַר ביילִיסן פון יאָר 1913 האָט מיט עפּעס פאַרלייכטערט די שטימונג אָבער נישט מער. די לופט איז געבליבן פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטישן גיפט נאָך אויף אַ לאַנגער צייט.

אַ נייַע עפּאָכע האָט אָנגעפאַנגען מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך געדענק גוט יענעם שרעקלעכן טאָג — תשעה־באָב 1914, ווען יידן האָבן זיך פאַר־

זאַמלט אין גרויסן שעדלישטשער בית־המדרש און צוזאַמען מיט קינות אויפֿן חורבן פֿון אַמאָל, האָבן זיי געוויינט און געבעטן רחמים אויף שלום פֿון הימל. שפּעטער זענען געקומען מאָביליזאַציעס און מלחמה־באַפֿעלן. קאָזאַקן און טשערקעסן זענען געקומען מאַכן אָרדנונג, באַזונדערס לגבי ייִדן, וואָס זענען פֿאַררעכנט געוואָרן אַלס שונאים פֿונעם צאַרישן רעזשים, האָט דאָס באַדייט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿאַלן פֿון רויב, שלאָגן ייִדן, פֿאַרגוואַל־דיקונג און מערדעריי און דער עיקר — ס'איז נישט געווען פֿאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן. דאָס לעבן פֿון ייִדן איז געוואָרן הפֿקר ביז גאָר...

ווען דער פֿראָנט האָט זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל האָט די מיליטערישע מאַכט דעפּאָרטירט די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון שעדלישטשע אין דער ריכטונג פֿון מזרח און ייִדיש האָב און גוטס איז פֿאַרניכטעט און פֿאַרברענט געוואָרן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן די דייטשן אַנגעיאָגט דאָס אָפּטרעטנדע רוסישע מיליטער און צוזאַמען מיט די רוסן אויך — די דעפּאָרטירטע ייִדן. אַ טייל ייִדן זענען מיטגעלאָפֿן מיט די רוסן, די צווייטע טייל, אַ מידע פֿון וואַנדערונג, איז געבליבן אונטער דער דייטשער מאַכט.

אונדזער פֿאַמיליע איז געבליבן ביי די דייטשן און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונדזער שטעטל. מיר האָבן געפֿונען אַלץ פֿאַרברענט און צעשטערט. די אַדמיניס־טראַטיווע מאַכט איז געווען אין די הענט פֿון די עסטרייכער — די שותּפֿים פֿון די דייטשן — און זיי האָבן ווייניק געזאָרגט פֿאַר דער ציווילער באַפֿעלקערונג. אַלס רעזולטאַט פֿון אַזאַ באַציִונג האָט געהערשט אין שטעטל הונגער און נויט. ייִדן האָבן געפּרוּווט פֿירן אַן אומלעגאַלן שמוגל־האַנדל אָבער די עסטרייכער האָבן אָנגענומען שטרענגע שטראָף־מיטלען קעגן די, וועלכע האָבן נישט געקענט דערווייזן, אַז זייער האַנדל איז כּשר. קלאָר, אַז ביז 1918 ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז די לאַגע אין שעדלישטשע, ווי אין די אַלע אָקופּירטע ערטער געווען אַ שווערע. אויך נאָך דער מלחמה ווען אונדזער געגנט איז באַפֿרייט געוואָרן דורך דער זעלבסשטענדיקער פּוילן איז די לאַגע נישט געוואָרן בעסער. קודם כּל, די נייַע מלחמה צווישן פּוילן און די סאָוויעטן האָט געגעבן פֿאַר ייִדן זייער שלעכטע רעזולטאַטן. פֿון איין זייט די האַלערטשיקעס — די פּוילישע זעלנער וואָס זענען געקומען פֿון פֿראַנקרייך אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון גענעראַל האַלער העלפֿן פּוילן אין קאַמף מיט די סאָוויעטן און האָבן זיך ספּעציאַליזירט באַזונדערס אין שניידן ייִדישע בערד. פֿון דער אַנדערער זייט די פּאָזנאַנטשיקעס פֿון מערבֿ־פּוילן און באַזונדערס די קאָזאַקן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿונעם סאָוויעטישן רעזשים און געקומען העלפֿן פּוילן אין איר קאַמף קעגן די סאָוויעטן. די אַלע צוזאַמען און יעדער פֿון זיי באַזונדער האָבן אָנגעטאָן גענוג צרות דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער גאַנצער געגנט.

אויך די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אין פּוילן איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ סטאַבילער רעזשים, דער יידישער ישוב אין שעדלישטשע האָט אָנגעהויבן וואַקסן. דאָס לעבן איז געוואָרן רויִק, די רוּינען רעסטאַווירט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז עס הויפּט זיך אָן אַ נאָרמאַלע תקופה און יידן וועלן פריי קענען אָפּעטעמען — און פּלוצלינג אַ נייע דערשיינונג, וועלכע האָט צעמישט און צעשטערט די יסודות פונעם יידישן לעבן. דאָס איז געווען דער אויפקום פון אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען, וועמענס ציל איז געווען אַרויסשטויסן די יידן פון אַלע גרונט־פּאָזיציעס: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע. אַן ענלעכע שטעלונג האָבן אָנגענומען אויך די רעגירונגס־קרייזן, מורא האָבנדיק אַז ווען נישט, וועלן זיי פאַרלירן זייער ווירקונג אויף דער פּוילישער גאַס, וואָס איז אין דער גרעסטער מערהייט אונטערן איינפלוס פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. אַלס רעזולטאַט איז געקומען די באַוווסטע לאָזונג: „שלאָגן יידן — נישט, אָבער דערווייטערן זיי פון אַלע וויכטיקע צווייגן פונעם עקאָנאָמישן לעבן, ווי האַנדל און מלאכה — יאָ. צוליב „הומאַנישע" טעמים, כלומרשט, האָט מען פאַרבאָטן אויך די יידישע שחיטה.

זייענדיק פאַרטיפט אין קאַמף מיט אַזאַ אינערלעכן „שונא" ווי די יידן, האָט די פּוילישע רעגירונג געלייגט ווייניק אַכט אויפן אויסערלעכן שונא, וואָס האָט זיך געגרייט ווי אַמשנעלסטן זי איינשלינגען. דערפאַר ווען ס׳איז געקומען דער ערשטער סעפּטעמבער 1939 און דאָס דייטשע מיליטער האָט אַריינמאַרשירט קיין פּוילן איז דאָס פּוילישע מיליטער נישט געווען גרייט צו באַווייזן קיין ווידערשטאַנד.

פון דערפאַרונג האָבן מיר געוווּסט, אַז דער דייטש וועט פאַר אַלעמען קאָנפיסקירן אונדזער מיל. דערפאַר האָבן מיר נאָך באַצייטנס איבערגעפירט אויף אַ „פיקטיוון" אופן די מיל — אויפן נאָמען פון אונדזער אַ באַקאַנטן אָרטיקן דייטש, און מיר זענען, כלומרשט, געוואָרן אַרבעטער ביי אים. דאָס האָט אונדז אַ סך אַרויסגעהאָלפן. די דייטשן האָבן דערלויבט צו מאָלן אין דער מיל מעהל פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך פיל פאַרגרעסערט מיטן אָנקום פון מאַסן יידישע פליטים פון אַלע עקן פון פּוילן. און ווייל די מיל האָט געטראָגן אַ דייטשן נאָמען האָט זי געקענט מאָלן אַ גרעסערן קוואַנטום מעהל. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געקענט באַפרידיקן אַלע איינוווינער פון שעדלישטשע און אויסמיידן הונגער. אויסער דעם האָבן מיר געקענט באַשעפטיקן אַ גרעסערע צאָל יידן ביים איינקויף פון ווייץ און פאַרקויף פון מעהל. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער דער נאָז פון דער מאַכט אַ דאַנק דעם „הכשר" פונעם נאָמינירטן בעל־הבית, וואָס האָט געטראָגן אַ דייטשן נאָמען. געוויינלעך האָט דער „בעל־הבית" אַליין געמאַכט גענוג קאַפּיטאַל פאַר זיך.

איך און מיין ברודער לייבל ז״ל האָבן געאַרבעט שווער, אָבער געווען צופרידן,

וואָס אין אַזאַ שווערער צייט האָבן מיר אַליין נישט געהונגערט און נאָך געקאָנט העלפן אַנדערע יידן. אויסער דעם האָבן מיר געקענט פיל מאָל אויסבאַהאַלטן אין מיל יידן, וועלכע זענען געווען אין אַ סכנה פאַרשיקט צו ווערן. אמת, דורך דעם האָבן מיר זיך זעלבסט איינגעשטעלט, אָבער די דייטשע שילד פון דער מיל האָט אונדז יעדעס מאָל געשיצט. נישט איין מאָל האָט מען אונדז פאַרמסרט, אָבער דער דייטשער בעל־הבית האָט אונדז געדעקט. ער פלעגט פאַר אונדז באַזאָרגן „כשרע״ אַרבעטס קאַרטן.

פאַר פסח 1940 האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פון מיין שווער אין לובלין צו פייערן דעם יום־טוב פסח ביי אים. אין לובלין האָבן געוווינט אויך מיינע צוויי ברידער מיט זייערע פאַמיליעס. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען, אָבער זייענדיק דאָרטן האָב איך באַלד באַמערקט, אַז די לאַגע איז דאָרט פיל ערגער ווי אין שעדלישטשע. די דייטשן האָבן אויסגעליידיקט אַלע שפייכלער און מאַגאַזינען און יידן האָבן ממש גע־הונגערט. דערצו נאָך זענען די אַלגעמיינע רדיפות אויף יידן האַרבער ווי אין שעד־לישטשע. איך האָב געוואָלט זאָפאָרט צוריקקערן, אָבער דער שווער מיט די ברידער האָבן מיך שטאַרק געבעטן, אַז איך זאָל בלייבן. ווער ווייסט ביי אַזעלכע צייטן, ווען מ׳קען זיך נאָך זען? מילא, איך האָב צוגעשטימט. דער יום־טוב איז דווקא אַריבער בשלום. יידן זענען מאַסנווייז געגאַנגען אין די שולן, מ׳האָט געפראַוועט די סדרים און מ׳האָט זיך נישט באַדאַרפט קוויקן מיט מרור אין אָנדענק פון אַמאָל, — דער מרור פון היינט האָט געקלעקט...

זונטיק, איסרו חג של פסח, איז אויסגעפאַלן דער ערשטער טאָג פון זייער חגא. ווי דער שטייגער האָט דער פאָליאַק ליב אין אַ יום־טוב איבערכאַפּן די מאָס מיט אַן איבעריקן טראָפּן משקה. אַזאַ איינער איז געווען, „בגלופין״ און האָט אים פאַרגלוסט נקמה נעמען פון די דייטשן, אין איינעם פון זיי אַוועקגעהרגעט. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט די געגנט און אָנגעהויבן זוכן דעם רוצח. דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיין שווערס הויז איז גראָד געווען אין דער סביבה. ס׳האָט נישט געהאָלפן מיין אויסבאַהאַלטן זיך. צוזאַמען מיט אַלע איינוווינער פון דעם הויז און פון די אַרומיקע הייזער האָט מען מיך אַרויסגעפירט אויפן הויף און אַ לענגערע צייט אונדז געפייניקט. געשלאָגן און געהייסן לויפן מיט געהויבענע הענט אויפן קאָפּ. דערנאָך האָט מען באַפוילן זיך אויסשטעלן צו דריי אין אַ ריי און אַרויסמאַרשירן אין גאַס. דאָ האָט מען אונדז „מבשר״ געווען, אַז מ׳פירט אונדז צום טויט. אַרומגערינגלט מיט מיליטער פון אַלע זייטן איז געקומען דער באַפעל צו לויפן. מיר זענען געלאָפן אומאויפהער און די גאַנצע צייט באַגלייט מיט קלעפּ. פּלוצלינג האָבן די דייטשן פאַרהאַלטן די ערשטע ריי׳ען, נישט מעלדנדיק וועגן דעם די איבעריקע און די גאַנצע לויפנדע מחנה האָט זיך אָנגעשטויסן איינער אין צווייטע פיל זענען געפאַלן, אַנדערע זענען צעשלאָגן און פאַרוווּנדעט געוואָרן. און דער רע־

זולטאַט, געוויינלעך אַן אומאָרדנונג. דאָ איז ווידער געקומען די טעטיקייט פון די שטעקנס. די באַגלייטער אונדזערע האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן, כדי זיי זאָלן, חס ושלום, נישט מיד ווערן. יעדע נייע און פרישע גרופּע האָט זיך באַמיט צו באַווייזן איר פעיִקייט און קענטניס צו פייניקן. אויסגעמוטשעטע זענען מיר קוים דערגאַנגען צו דער ליפּאָווע־גאַס. דאָ איז געקומען דער באַפעל זיך אויסציִען אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ, זיך נישט רירן פונעם אָרט און ווער ס׳וועט וואַגן אויפהייבן דעם קאָפּ וועט זאָפאָרט דערשאָסן ווערן. און ווירקלעך, איינער פון דער מחנה איז נישט געווען פּאָרזיכטיק און האָט זיך אַ ריר געטאָן פונעם פּלאַץ איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

נאַכהער איז געקומען די „סדרה" פון אָנגערייצטע הינט, נאָך די הינט — ווייטער זעלנער. אַזוי האָבן זיך הינט און זעלנער געביטן לויט דער ריי. אַזוי האָט מען אונדז געפּייניקט טאָג און נאַכט ביז אין דער פרי. ערשט דאַן האָט מען אונדז געבראַכט אין דער גרויסער לובלינער תּפיסה. דאָ האָט אונדז דערוואַרטעט אַ סיורפּריז: ביי דעם שמאָלן טירל זענען געווען אויסגעשטעלט 2 רייען זעלנער. יעדער פון אונדז האָט געמוזט דורכגיין דורך די רייען און באַקומען זיין פּאָרציע קלעפּ פון די זעלנער. ווער ס׳האָט נישט געקענטביישטיין און איז אַנידערגעפאַלן האָט באַקומען אַ דאָפּלטע פּאָרציע. די זעלבע שפּיל האָט זיך איבערגעחזרט אין הויף פון דער תּפיסה. ווען איך דערמאָן מיך נאָך איצט אין דער „סדרה" פון פּיין, גייט מיר דורך אַ גרויל איבערן לייב און איך קען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן ווי האָבן מיר געקענט דאָס אַלץ אויסהאַלטן. אמת, פיל זענען געפאַלן, אָבער פון וואַנעט האָבן די געבליבענע גענומען כּוח דאָס אַלץ איבער־צוטראָגן — איז גאָרנישט צו פאַרשטיין. מען האָט געבראַכט אויטאָמאַטיש געווער, געריכטעט קעגן אונדז און באַפוילן זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט; אָט האָט מען באַפוילן זיך אויסדריין און פאַלן אויף דער ערד; אָט איז געקומען אַ באַפעל, אַז יעדן צענטן פון אונדז זאָל מען אַרויספירן פון די רייען צום שיסן, אָט האָט מען זיך גענומען צו די בערד און זיי געשניטן צוזאַמען מיט דעם פלייש און דערביי הילכיק געלאַכט און זיך געפרייט וואָס זיי קענען אַזוי מייסטערהאַפט דורכפירן צוויי אַרבעטן אין איין גאַנג. געוויינלעך, אויך די באָרדלאָזע האָט מען נישט געשאַנעוועט. ס׳האָבן נישט געפעלט סאַדיסטישע מיטלען כדי צו באַשטראָפן די אַלע, וואָס האָבן זיך באַ־צייטנס באַפרייט פון די בערד. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט מוסר־רייד. איין אָפיציר איז אַריין אין אַ ראָלע פון אַ מוסר־זאָגער: „הלמאי זענען מיר פּאַראַזיטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, הלמאי עקספּלאָאַטירן מיר די אַרבעט פון אַנדערע, הלמאי העצן מיר פעלקער איינע קעגן די אַנדערע, אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה־אַנצינדער, מענטשלעכער שמוץ. דערפאַר האָבן מיר די שטראָף כשר פאַרדינט, דערפאַר דאַרפן

מיר ליידן". און דערפאַר האָט מען אונדז אַלס צוגאָב צו מכות רצח געהאַלטן דריי טעג אָן עסן און אָן וואַסער.

ווי נאָך דעם איז באַוווּסט געוואָרן האָט די לובלינער קהילה זיך באַמיט אונדז צו באַפרייען. אָבער דאָס איז איר געלונגען נאָר פאַר מענטשן, וועלכע זענען עלטערע פון 45 יאָר. די איבעריקע האָבן די דייטשן געזאָגט וועלן געשיקט ווערן נאָך כעלם אויף אַרבעט. מיר האָבן דעם באַשלוס אָנגענומען מיט ליבשאַפט. אַבי אַרויס פונעם גיהנום. אָבער ווען מיר זענען נאָר אַרויס פון דעם תפיסה־הויף האָט אונדז דערוואַרט אַ נייער סיורפריז. דאָ איז געקומען אַ באַפעל: זיך אויסשטעלן אין שורות — דריי אין יעדער שורה — און לויפן צום באַן־הויף. ווער ס'האָט נישט געקענט לויפן לויטן באַפעל האָט באַקומען קלעפּ. פיל זענען געפאַלן, אַנדערע האָבן געחלשט. די שטאַרקערע האָבן געמוזט לויטן באַפעל טראָגן אויף די פּלייצעס די געפאַלענע. ווען נישט, — וועלן די און די דער־שאָסן ווערן. מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָבן מיר געטראָגן די שוואַכע, בייטנדיק צווישן זיך די שווערע לאַסט. סוף־סוף זענען מיר אָנגעקומען צום באַן־הויף. מ'האָט אונדז אַריינגעיאָגט אין לאַסט־וואַגאָנען, הערמעטיש פאַרמאַכט די טירן און צונויפ־געפּרעסט. ווי הערינג אין אַ פאַס, זענען מיר געשטאַנען פון 4 פרי ביז 9 אין אָוונט, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, פאַרשטענדלעך אָן עסן און אָן טרינקען. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז שוין דער סוף. 9 אַ זייגער אין אָוונט האָט דער צוג גערירט. איך האָב זיך צוגעשטופּט צום פענצטערל, כאָטש כאַפּן אַ ביסל לופט. דאָ האָב איך אָנגעהויבן פּלאַנירן ווי אַזוי צו אַנטלויפן. צוערשט בין איך געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע, אָבער ווען איך האָב זך דערוווּסט, אַז אַ קאָלעקטיווער פּלאַן וועט זיך נישט איינגעבן ווייל מענטשן זענען מיד און מאַכטלאָז, האָב איך באַשלאָסן מאַכן דעם געוואַגטן שריט אַליין. איך האָב אָפּגעריסן אייניקע ברעטלעך פון די פאַרהאַקטע פענצטער, פאָרזיכטיק אַרויסגעשטופּט זיך דורכן פענצטער, מיט דער הילף פון אַנדערע, און אַראָפּגעשפּרונגען. וויפל צייט איך בין געווען פאַרטומלט ווייס איך נישט, אָבער ווען איך האָב זיך אָפּגע־מינטערט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די קוסטן און אין דער פרי באַמערקט, אַז איך געפין זיך נישט ווייט פון אונדזער שטעטל. ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך שוין געטראָפן מיין פרוי וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון לובלין. ווייזט זיך אַרויס אַז אין שעדלישטשע האָט מען וועגן די געשעענישן אין לובלין נישט געוווּסט בכלל.

ווינטער פון יאָר 1941 האָט מען געבראַכט אין אונדזער שטעטל גרופּן פון טשעכישע יידן. די דייטשן האָבן זיי, כלומרשט, געבראַכט אויף אַרבעט און האָבן זיי געהייסן מיט־נעמען זייער באַגאַזש. די קינדער האָט מען פון זיי אין וועג צוגענומען און געזאָגט די עלטערן, אַז די קינדער וועט זיין שווער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, ווערן זיי דערווייל איבערגעגעבן דעם רויטן־קרייץ ביז די עלטערן וועלן זיך איינאָרדנען ביי

דער אַרבעט. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזער שטעטל האָט מען די יונגע מענער אָפּגעטיילט פון די פרויען און געמאָלדן, אַז זיי ווערן אַוועקגעשיקט אין אַ פאַבריק וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון שטעטל, און יעדן זונטיק וועלן די מענער קענען קומען און זיך זען מיט די פרויען. אין דער אמתן האָט מען די מענער אַוועקגעשיקט קיין מיידאַנעק, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אונדז. די קינדער זענען אויך ערגעץ־ווו אומגעבראַכט געוואָרן, און די געבליבענע פרויען אין שעדלישטשע האָט מען אויף אַ פלאַנירטן סאַדיסטישן אופן געפייניקט אין שעדלישטשע ביז זיי זענען אַ טייל אויסגעשטאָרבן, און אַ טייל פאַרשיקט אין אַן אַנדערן פלאַץ. מיר האָבן נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

דערווייל האָב איך ווייטער אָנגעהויבן אַרבעטן אין מיל. צו דער צייט איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יעדער ייד מוז זיך שטעלן צו אַרבעט און אַלס לוין וועט מען באַקומען אַ פּאָרציע ברויט. יידן האָבן געדענקט, אַז דורך אַרבעט אויפן פלאַץ וועלן זיי געזיכערט זיין פון פאַרשיקונג אין ווייטע פלעצער. דערפאַר זענען זיי געקומען אין מאַסן. אָבער די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, ווי דרענאַזש, למשל. יידן זענען נישט געוווינט געווען צו איר. דערצו זענען זיי נאָך געווען שוואַך מחמת מאַנגל אין שפּייז. מער פון אַלעמען האָט געווירקט די נידעריקע האַנדלונג פון די אויפזעערס כלפּי יידן. דאָך האָט מען געקרעכצט און געאַרבעט, ס'איז נישט געווען קיין ברירה. מיט דער צייט האָבן יידן אַפילו קאָנקורירט מיט די פּוילישע אַרבעטער, אַפילו מיט פאַכמענער. דאָס האָט פאַרדראָסן די דייטשן, און כדי צו פאַרמיאוסן נאָך מער דאָס לעבן פון די יידן, האָט מען געבראַכט קיין שעדלישטשע טויזנטער דעפּאָרטירטע יידן פון אַלע עקן פּוילן. דורך דעם איז פאַרגרעסערט געוואָרן די ענגשאַפט. דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט, די עפּידעמיע־קראַנקייטן האָבן זיך פאַרשפּרייט און די צאָל קרבנות איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. דערצו איז נאָך צוגעקומען די פעלצן־צרה, ד"ה די גזירה, אַז יעדער אַרט פעלץ, וואָס געפינט זיך אין רשות פון יידן זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם מיליטער. דער אַרגומענט איז, ווייל די יידן האָבן גורם געווען צום אַנטשטיין פון דער מלחמה, מוזן זיי ליידן פון איר מער פון אַנדערע.

די קעלט איז געווען אומדערטרעגל'עך. די הייזער נישט באַהייצט. די וואַרעמע קליידער צוגענומען און ביי נאַכט איז נישט געווען אין וואָס זיך איינהילן.

דערצו האָט זיך נאָך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ'וועט אַרויסשיקן אויף אַרבעט אין ווייטע געגנטן. יידן האָבן געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט און מ'האָט אָנגעהויבן לויפן צו די קהילה־לייט, ווי ס'האָט זיך נאָך דעם אַרויסגעוויזן זענען די לייט נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער מאָראַלישער הויך. מ'האָט געזאַמלט געלט און טייערע זאַכן כדי אונטערקויפן דעם אויפזעער אויף די דרענאַזש־אַרבעטן. אָבער מענטשן

האָבן געמורמלט... דערווייל האָט זיך געביטן דער אויפזעער. ס'איז געקומען אַ נייער און דווקא אַ פּאָליאַק. די ערשטע צייט איז זיין באַציִונג נישט געווען קיין שלעכטע, אָבער דערפילנדיק דעם טעם פון „כאַבאַר" האָט ער זיך אין גאַנצן געענדערט. ער האָט געדריקט נאָך מער פון זיין פאָרגייער — דער דייטש.

איין מאָל נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג האָט זיך אים פאַרגלוסט מאַכן אַ שפּיל מיט די מידע און שוואַכע יידן. פּלוצלינג האָט ער אויסגעפונען, אַז די אַרבעט איז שוואַך. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אַריין איִן די דרענאַזש־קאַנאַלן און בלייבן ליגן אין דעם קאַלטן וואַסער בערך 20 מינוטן. דאַביי האָט ער מיט פרייד ערקלערט, אַז 20 יאָר האָט ער געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען ער זאָל זיך קענען נוקם זיין אין יידן. מיט דער שטראָף האָט ער זיך נאָך נישט באַגנוגנט. ער האָט זיך געווענדט צו דער דייטשער מאַכט, אַז מ'זאָל אים דערלויבן מאַכן אַ סעלעקציע צווישן די יידישע אַרבעטער. די דייטשן האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען מיט צו־פרידנהייט, און צו מאָרגנס האָט דער יודען־ראַט באַקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן קומען, קליין און גרויס, צום צענטראַלן פּלאַץ פון שטעטל. מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט? אָבער ס'איז געווען קלאָר, אַז ס'שמעקט מיט אַ נייער גזירה.

באַלד האָט זיך באַמערקט, אַז פון דער גאַנצער געגנט ציען זיך אין שטעטל רייען ליידיקע פירלעך. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ שמעקט שוין מיט אַ גירוש־אַקציע. ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן באַצייטנס געמאָלדן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער וועגן דער אַקציע. און ווירקלעך, אונדזער השערה איז באַשטעטיקט געוואָרן.

דאָס איז געווען אין מאָנאַט מאַי 1942. גאַנץ פרי האָבן די דייטשע זעלנער צוזאַמען מיט פּוילישע פּויערים זיך צעלאָזט איבער די יידישע הייזער און געטריבן יונג און אַלט צום צענטראַלן־פּלאַץ. דאַביי זענען געשטעלט געוואָרן פּאָסטנס אויף די וועגן, אַז יידן זאָלן, חס ושלום, נישט אַנטלויפן. די פּוילישע איינוווינער האָבן מיט כוח געריסן קליינע קינדער פון די מוטערס הענט און זיי געוואָרפן אין וואָגנס און זיך גאָרנישט געקימערט, ווען מוטערס האָבן געחלשט, מענער האָבן געיאָמערט און קולות פון קינדער האָבן געשפּאָלטן הימלען. נאָך מער, מיט שטעקנס זענען זיי געשטאַנען און נישט צוגעלאָזט , אַז עמעצער זאָל צוגיין און איינשטילן די קינדער.

אַזוי איז אין יענעם טאָג אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שעדלישטשע אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג: אַלטע און יונגע, קראַנקע און שוואַכע. ס'איז שווער אויפצופאַסן, ווי האָבן געקענט שכנים, וואָס אַלע יאָרן האָבן געלעבט צוזאַמען, אַזוי אַכזריותדיק זיך אויפפירן. 28 יאָר איז פאָראיבער פון יענער צייט און ביז היינטיקן טאָג איז מיר זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז דאָס איז ווירקלעך געשען. אָבער אין די אויערן

ווידערהאַלן זיך נאָך די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די מוטערס און קינדער. פאַר די אויגן שוועבן נאָך די שרעקלעכע בילדער פון פּיין און מערדעריי און מער פון אַלעמען דאָס ציניש געלעכטער פון די דייטשן און זייערע מיטהעלפער, פּאָליאַקן און אוקראַינער.

נאָך דעם טאָג בין איך ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. איך האָב אויפגעהערט צו פילן ווייטאָק. איך בין געווען מאַכטלאָז און ווילנלאָז צו דענקען, לחלוטין צעבראָכן. דאָס לעבן איז געווען ווערט־לאָז, געאַרבעט האָב איך ווי אַ „ראָבאָט". אין אַ צייט אַרום, ווען איך בין געקומען אַ ביסל צו זיך האָב איך געטראַכט זיך אָנשליסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע כדי צו נעמען נקמה פון די דייטשן, אָבער מיט דעם שריט וואָלט איך איינגעשטעלט דאָס לעבן פון מײַנע דריי ברידער און זייערע פאַמיליעס, וועמענס עקזיסטענץ איז געווען אָפּהענגיק פון מיר. זיי האָבן מיך געבעטן דעם שריט נישט צו מאַכן. ווירקלעך, זיי פאַרלאָזן איז מיר געווען שווער.

נאָכן ערשטן גירוש זענען די געבליבענע געווען דערשלאָגן און גלייכגילטיק צו אַלעס. די דייטשן האָבן דווקא פאַרזיכערט, אַז מער אַזעלכעס וועט שוין נישט פּאַסירן. אָבער מיר האָבן זיי נישט געגלייבט. אויסער דעם איז דער ווילן צום לעבן פאַרלוירן געגאַנגען. דער גלויבן אין מענטשן צוגענומען.

געקומען איז דער 10טער יוני 1942. דייטשע זעלנער האָבן דורכגעשפּרייזט שעד־לישטשע, זוכנדיק רוסישע פּאַרטיזאַנער. ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי זיך אַ שפּיל געטאָן מיט די ווייניק געבליבענע יידן אינעם שטעטל. אַלס קרבנות פון יענעם טאָג זענען אויך געווען מיין אַלטע מוטער, מיין פרוי מיט די קינדער, מיין ברודער, זיין פרוי און זייער איינציק קינד. אַלע זענען דערשאָסן געוואָרן. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין מיל, אַלץ צוגעזען פון דער ווייטנס און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פון ווייטאָג געמוזט שווייגן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיינער אַ שכן האָט אָנגעוויזן וווּ מיין משפּחה באַהאַלט זיך אויס.

אין איינעם פון יענע טעג האָבן די דייטשן צונויפגערופן די פּוילישע באַפעלקערונג פון דער געגנט, זיי געשטראָפט פאַרן אויסבאַהאַלטן רוסישע פּאַרטיזאַנער און זיי געדראָט אַפילו מיט שיסן, אָבער פאַרלויפיק האָבן זיי געשאָסן צוויי יידישע מיידלעך: חוה מושקאַט און יענטע שטאַרקמאַן. דאָס האָט געזאָלט דינען אַלס באַווייז, אַז די דראָונג קעגן זיי קען אויך זיין ערנסט. אָבער דאָפּלט שווער איז מיר געווען אָנשטויסן זיך טאָג־טעגלעך אין די קליידער און אַנדערע זאַכן פון די דערמאָרדעטע, באַזונדערס האָבן מיר קיין רו נישט געגעבן זייערע קברים, וואָס זענען געווען אויסגעגראָבן נישט ווייט פון מיין הויז. לויטן באַפעל פון די דייטשן האָבן די גוייִשע שכנים באַגראָבן די דער־

מאַרדעטע אויף דעם פּלאַץ ווו זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן.. דאָס אַלץ האָט געפּאָדערט פון מיר אייזערנע נערוון.

מיט דער צייט האָב איך באַשלאָסן ברענגען די ביינער פון מיינע טייערע צו קבר ישראל. דעם פּלאַן דורכפירן איז נישט געווען גרינג ביים נאַצישן רעזשים, אָבער מיין געוויסן האָט מיר קיין רו נישט געגעבן ביז איך האָב אים פאַרווירקלעכט. מיט דער מיטהילף פון אייניקע יידן האָב איך אין אַ פינצטערער נאַכט אויסגעגראָבן די ביינער פון די דערמאָרדעטע און האָב זיי איבערגעפירט אויפן יידישן בית־עולם. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די קבורה האָב איך געזאָגט קדיש און ר׳ פייוול שוחט האָט דאַביי צוגעגעבן, אַז ער איז מקנא די, וואָס זענען איצט געקומען צו קבר ישראל און ס׳האָט זיך געפונען ווער ס׳זאָל זיך זאָרגן פאַר זיי. ווער ווייסט צי פאַר אונדז וועט זיין ווער ס׳זאָל זיך זאָרגן?

„ימים נוראים" פון 1942 האָבן נאָך שעדלישטשער יידן געדאַווענט צוזאַמען און געוויינלעך האָט יעדער געמאַכט זיין חשבון אין יענע טעג פון „חשבון הנפש" בכלל. אין גאַנצן שטעטל האָט זיך נישט געפונען איין גאַנצע משפּחה. דאָ האָט געפעלט אַ פאָטער, דאָרטן אַ זון אאַז״וו. יידן האָבן אויסגעגאָסן זייער פאַרביטערט האַרץ פאַרן פאָטער אין הימל און קיינער פון זיי האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז די „תפילה בציבור" איז די לעצטע, און נישט נאָר „תפילה", נאָר אין אַלגעמיין דאָס לעצטע באַגעגעניש. דאָס געפיל אין יענעם לעצטן טאָג איז עפּעס אַ מאָדנע געווען. קיינער האָט נישט געבעטן, אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פונעם נאַצישן גיהנום. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז צוזאַמען מיט אונדז דאַווענען די אַלע וואָס זענען ביז היינט אומגעקומען. די שול איז געווען פול מיט מתים: מתים פון נעכטן און מתים פון מאָרגן. אַלע פאַרמשפּטע דורך איין פּסק־דין! ווען מיר זענען פון שול געקומען האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש, אָבער דאָס איז געווען נישט אַ טיש פון יום־טוב, נאָר פון טרויער. דאָס האַרץ איז געקלעמט געווען פון צער און ווייטאָג, און נישט איינער פון אונדז האָט זיך געווונטשן: וואָס גיכער זיך באַפרייען, פון אַזאַ לעבן, וואָס איז ערגער פון טויט.

אויפן ערשטן אויגנבליק האָבן זיך, כלומרשט, באַוויזן סימנים פון פאַרלייכטערונג. דער עצם פאַל, וואָס מ׳האָט יידן באַפרייט „ימים נוראים" פון אַרבעט און זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דאַווענען בציבור האָט געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג. אויסער דעם האָבן זיך צו יענער צייט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אויפן פראָנט גייט דעם דייטש גאָר נישט גוט, אַז טאָג און נאַכט ציִען זיך עשאַלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע זעלנער אין דער ריכטונג פון דייטשלאַנד און אַז מ׳האָט אָנגעהויבן שיקן טראַנספּאָרטן מיט יונגע פּאָליאַקן אויף אַרבעט. דאָס אַלץ האָט אָנגעזאָגט האָפנונג, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן, אָבער ווען מיר האָבן זיך נאָך יום־טוב אומגעקערט צו דער אַרבעט האָבן מיר געטראָפן

גאָרנישט קיין דערפרייענדע ענדערונג — אַ נייעם בירגערמייסטער (ראש העיריה), און נישט קיין דייטש נאָר דווקא אַן אוקראַינער, אַ שונא־ישראל, וואָס אין זין פון שנאה האָט ער איבערגעשטייגט די דייטשן אַליין. גאַנץ עפנטלעך פלעגט ער אויסדריקן זיין פרייד, וואָס די שטעט זענען מערסטנטייל „יודען־ריין", איין זאָרג נאָר, וואָס אין שעדלישטשע זענען נאָך פאַראַן יידן. האָט ער זיך געווענדט צום געסטאַפּאָ־פירער, אַז מ'זאָל ווי אַמשנעלסטן אויך שעדלישטשע באַפרייען פון דער „פגע רע", וואָס הייסט יידן.

דער יידן־ראַט האָט זיך אויך געווענדעט צום זעלבן פירער און האָט אים ווי דער שטייגער איז, אונטערגעקויפט מיט אַ שיינער מטבע, ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט די גזירה מבטל מאַכן, אָבער אין 4 טעג אַרום האָט דער יודען־ראַט באַקומען אַ באַפעל אַרויספירן אַלע יידן פון שעדלישטשע אין דאָרף נאָוואָשילעק, ווייט אַ 12 ק"מ פון אונדז. דאָרטן וועלן זיי אַרבעטן ביי דרענאַזש־אַרבעט ווי אין שעדלישטשע. מ'האָט צוגעזאָגט, אַז אין דעם נייעם אַרבעטס־פּלאַץ וועט נישט זיין קיין אויפזעער ווי פריער און אַז דער אַרבעט־אויפזעער וועט זיין איינער פון די יידן דאָס אַלץ באַקומען זיי אַלס פּרעמיע פאַר פלייסיקער אַרבעט, אַזוי האָבן זיי אויפגעקלערט. צוזאַמען דערמיט האָט מען געוואָרנט, אַז אויב יידן וועלן נישט קומען פרייוויליק וועלן די עס־עס־לייט ברענגען זיי מיט כוח. יידן האָבן געוווסט וואָס דאָס באַדייט. דערפאַר האָבן זיך די מערהייט געשטעלט צו דער צייט, אַליין. די, וואָס האָבן דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען זענען באַצייטנס אַנטלאָפן.

גאַנץ פרי זענען די יידן געקומען צום באַשטימטן פלאַץ. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט אויף זיי פויערישע פירלעך און זיי האָבן זייערע אָרימע בינטלעך אַרויפגעלייגט. די גאַנצע צייט האָט געטריפט אַ דראָבנע רעגנדל, גלייך ווי די נאַטור אַליין האָט גע־קלאָגט אויפן ביטערן גורל פון דער שעדלישטשער „שארית הפליטה" און אויף דעם שטעטל אַליין, וואָס איז געבליבן ווי אַ בית הקברות.

איין פויער, וואָס האָט מיט זיין וואָגן געפירט די אומגליקלעכע, האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז מ'האָט די יידן צעטיילט אויף צוויי גרופּן. איין גרופּע האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ נאָענטן דאָרף. אויפן וועג האָבן די עס־עס־לייט אַלע ליקווידירט צוזאַמען מיט דער יידישער מיליציע, וואָס האָט זיי באַגלייט. די צווייטע גרופּע האָט נאָך אַ געוויסער צייט געאַרבעט אין אַן אַלטער מיל און נאַכהער זיי אַלע אויסגעשאָסן. ווי מ'האָט נאָך דעם דערציילט איז פייוול שוחט געווען צווישן דער גרופּע.

אין טאָג ז' אדר, דער טאָג פון משה רבינו'ס יאָרצייט, האָט ער גענומען אַ גלעזל בראָנפן און האָט אויסגעשריגן אויפן קול: „יידן, מיר זעען, אַז ס'איז אַ „גזירה" פונעם הימל, אַז מיר זאָלן שטאַרבן, לאָם מיר אָננעמען דעם טויט מיט ליבע און זיך ווינטשן אַז ער זאָל זיין אַ גיכער".

אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די שרעקלעכע טראַגעדיע פון דער שעדלישטשער קהילה.

איך מיט מיין ברודער לייבל ז״ל האָבן פאַרגעזעצט אונדזער אַרבעט אין מיל. אָבער מ׳האָט נישט באַדאַרפט זיין קיין איבריקער חכם כדי צו פאַרשטיין, אַז דאָס שפּיל וועט לאַנג נישט דויערן, און אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט די געסטאַפּאָ קומען, און אונדזער סוף וועט זיין ווי דער סוף פון אַלע שעדלישטשער יידן. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן זיך אויסבאַהאַלטן. דער אַזוי־גערופענער בעל־הבית האָט אונדז געבעטן בלייבן און אַפילו פאַרזיכערט, אַז ער וועט אונדז באַשיצן, אָבער מיר האָבן שוין געקענט די דייטשע „הבטחות״ און באַשלאָסן זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיי. מיר האָבן געהאַט פריינד אויך צווישן דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג און זיי האָבן אונדז געראָטן ווי אַמשנעלסטן זיך באַהאַלטן. איין פריינד קראַסנאָדעמסקי האָט אַפילו פאַר־געלייגט זיין וווינונג. אָבער איידער מיר האָבן דעם שריט געמאַכט האָט די דייטשע מאַכט איבערגעפירט אַלע פון דייטשן שטאַם קיין טיף דייטשלאַנד און צווישן זיי אויך דעם פאַרוואַלטער פון דער מיל. אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אוקראַאינער, וועלכער איז געווען פיל ערגער פונעם דייטש. דאַן איז געקומען דער קאַטעגאָרישער באַשלוס:

זיך אָנשליסן אין אַ פאַרטיזאַנער־גרופּע, אָבער צו יענער צייט איז מיין ברודער קראַנק געוואָרן און אים מפקיר זיין האָב איך נישט געקענט. דעמאָלט האָב איך געבעטן ביי דער פאַמיליע קראַסנאָדעמסקי, אייגנטלעך פון זייער זון אָלעש, ער זאָל פאַר אונדז אויסבויען אַ בונקער. לכתחילה האָט ער זיך געקווענקלט, אָבער ווען ער האָט באַקומען 100 דאָלער האָט ער דעם בונקער אין פאַרלויף פון איין נאַכט אויסגעבויט.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז מיר האָבן געהאַט פריינד צווישן די אָרטיקע גויים, אָבער נאָר געציילטע. די מערהייט האָט אונדז געהאַסט ווי אַלע יידן. זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט אין אונדזער פאַרניכטונג.

ביי פיל פון די גויים איז געווען יידיש פאַרמעגן, וואָס יידן האָבן ביי זיי איבערגעלאָזט ביז זיי וועלן זיך צוריקקערן, אָדער וואָס זיי האָבן אַליין גענומען ווען ס׳איז געבליבן הפקר. די און אַנדערע זענען געווען פאַראינטערעסירט, אַז יידן זאָלן זיך נישט צוריקקערן, אַז קיין יידישער שפּור זאָל נישט בלייבן, ס׳זאָל נישט זיין ווער ס׳זאָל אויפמאָנען אָדער עדות־זאָגן. דערפאַר ווען מיר זענען געבליבן די לעצטע יידן און מיר זענען פלוצלינג פאַרשוווּנדן, האָבן גויים אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן און נאָכפרעגן ווו מיר זענען. די פאַמיליע קראַסנאָדעמסקי האָט געוואָלט פאַרווישן אונדזערע שפּורן און אויך אויסמיידן יעדן חשד אַז זיי ווייסן וועגן אונדז. דאָס איז די סיבה, וואָס מיר פלעגן בלייבן טעג אָן עסן און אָן טרינקען. איין מאָל, ווען ס׳איז

פֿאַראיבער אַ לענגערע צייט און מיר האָבן קיין עסן באַקומען, איז געקומען די פּרוּי קראַסנאָדעמסקי, זיך אָנגעבויגן, כּלומרשט, צוינויפֿקלייבן שטיקלעך טאָרף און גערעדט ווי צו זיך אויפֿן קול: „איר זענט אַוודאי הונגעריק. מיר האָבן אייך נישט פֿאַרגעסן, מ׳מוז נאָך אַ ביסל ליידן, ס׳איז אַ סכּנה". מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויף די קראַסנאָדעמסקיס איז געפֿאַלן אַ חשד און אַז מיר מוזן בייטן די וווינונג. איך האָב זיך געווענדט צו אַ צווייטן גוי, וועלכן איך האָב אין די גוטע צייטן זייער אַ סך געהאָלפֿן, אָבער ווען איך בין איצט צו אים געקומען האָט ער מיר געראָטן זיך ווענדן צו די דייטשן און באַקומען ביי זיי אַרבעט. אַרבעטער לאָזן זיי לעבן. אַזעלכע פֿאַלן זענען פֿיל, האָט ער מיר געזאָגט.

איין מאָל בין איך געקומען זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פּויער. ער האָט מיך אויפֿגענומען גוט. נאָך אַ קורצן שמועס צווישן אונדז האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט צו אין אַ פּלאַץ, נישט ווייט פֿון זיין שטוב, ברענגען אַ פֿלאַש וואָדקאַ. ד. ה. בראָנפֿן. פֿון צרות האָבן מיר זיך צוגעוווינט צום ביטערן טראָפּן ס׳האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, און דער פּויער איז נישט צוריקגעקומען. דאָס איז מיר געווען אויפֿפֿאַלנד. איך בין געוואָרן אומגעדולדיק און געקוקט די גאַנצע צייט אין פֿענצטער. פּלוצלינג האָב איך דערזען, אַז עפּעס אַן אומבאַקאַנטע געשטאַלט גייט גלייך צום הויז. איך בין אַרויס און זיך געלאָזט לויפֿן, אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט און האָט מיר געהייסן גיין מיט אים אין ריכטונג פֿון די פֿעלדער. איך האָב זיך אָנגעהויבן מיט אים ראַנגלען, ער איז געווען שטאַרקער פֿון מיר און האָט מיך געשלאָגן איך האָב געפֿילט, אַז ער וועט מיך גובר זיין, אָבער צום גליק האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז געפֿאַלן. דאָ האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיך אַ זעץ געטאָן אויף אים, אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אים דערוואָרגן. אַ מאָדנע געפֿיל פֿון נקמה האָט מיך באַהערשט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אומבאַקאַנטער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פֿאַך פֿון ראַבירן יידן און זיי נאָך דעם איבערגעבן אין די הענט פֿון די דייטשן. ווייזט אויס, אַז ער האָט געמיינט דאָס זעלבע מאַכן אויך מיט מיר. אָבער זיין בייזע כּוונה איז געווען זיין אומגליק און מיין גליק. מעגלעך אויך דאָס גליק פֿון אַנדערע יידן, וואָס וואָלטן געווען אין דער צוקונפֿט זיינע קרבנות.

אמת, איך האָב זיך נוקם געווען אין רוצח, אָבער די קלעפּ, וואָס כ׳האָב פֿון אים באַקומען האָבן זיך נוקם געווען אויך אין מיר. אַלע מיינע גלידער האָבן מיר וויי געטאָן, און צו ענדע בין איך קראַנק געוואָרן. ווענדן זיך צו אַ דאָקטער האָט קיין זין געהאַט, רפֿואות באַקומען איז אויך נישט געווען מעגלעך. די לאַגע מיינע איז געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג ערגער. מיט די לעצטע כּוחות האָב איך זיך אַרויסגעשלעפּט אויפֿן שניי, איך האָב זיך אויסגעלייגט און גוט אָפּגעאָטעמט. עס איז געשען אַ נס דווקא דורך דעם ליגן אויפֿן שניי איז מיר גרינגער געוואָרן. מיין ברודער האָט זיך זייער

געפרייט, אָבער איך נישט, מיר האָט זיך שוין געוואָלט ווי אַמגיכסטן מאַכן דעם לעצטן חשבון מיטן לעבן, אָבער, אַז ס׳ זענען דאָ יאָרן — העלפט נישט, און אַז מ׳לעבט וויל זיך אינסטינקטיוו דאָס לעבן היטן.

ווען דאָס וועטער איז געוואָרן עטוואָס לייכטער האָבן מיר געבעטן די בעל־הביתטע, אַז זי זאָל אונדז דערלויבן איבערוואַנדערן אויפן בוידעם פון שטאַל. דאָרט איז געווען מער לופט, און אין דער טיפקייט פון דעם שטרוי איז געווען מעגלעך אויסצוגלייכן די ביינער. די בעל־הביתטע האָט לכתחילה נישט צוגעשטימט, אונטערן אויסרייד, אַז מ׳זוכט יידן דווקא אויף די ביידעמער, אָבער ווען זי האָט באַקומען עטלעכע מטבעות, איז אַלץ געוואָרן רעכט.

דאָ אויפן בוידעם בין איך ביסלעכווייז געקומען צו זיך און נאָך דעם ווי איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע נעכט אויפן בוידעם איז געקומען צו מיר אין חלום מיין זיידע. ער האָט מיר געבראַכט אַ סידור, האָט אים געעפנט, אָנגעוויזן אויף עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים און געזאָגט: „ליין און ס׳וועט דיר גרינגער ווערן". איך האָב אָנגעהויבן פיל ליינען און ס׳איז מיר ווירקלעך גרינגער געוואָרן. און די סיבה איז גאַנץ אַ פשוטע — מיטן ליינען איז די צייט פאָראיבער. אָבער מיט דער צייט איז „נמאס" געוואָרן דאָס זיצן אויפן בוידעם און מיר פלעגן אין די שפּעטע שעה׳ן פון דער נאַכט אָנגעהויבן אַרויסגיין אַ ביסל אויף פרייע לופט. אייניקע מאָל האָבן זיך צוגעטראָגן צו אונדז אין דער לופט געשרייען און קרעכצן. דאָס זענען געווען קולות פון געפייניקטע יידן.

אויך דער יונגער קראַסנאָדעמסקי פלעגט דערציילן, אַז זייער אָפט הערט ער אויך געשרייען און לויט זיין מיינונג זענען דאָס געשרייען פון געפייניקטע יידן, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די מערדער, וואָס ווילן ירש׳נען זייער פאַרמעגן. אָבער אויך נישט אַלע האָבן עס געטוען צוליב רויב צוועקן. עס זענען געווען אויך אַזעלכע ביי וועלכע הרג׳נען יידן איז פערוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין ספּאָרט, אָדער בלוטדאָרשטיקייט. אַזוי צים ביישפּיל, האָט אין דאָרף מאַגעלניץ געוווינט אַ יידישע משפחה ביי וועלכער עס זענען געווען 4 קינדער. דעם מאַן מיט דער פרוי האָבן די דייטשן געהרג׳ט און די קינדער זענען אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין די פעלדער, נאָר ביי נאַכט פלעגן זיי זיך אַריינכאַפּן אַהיים, איבערנעכטיקן און מיטנעמען עפּעס עסנוואַרג, וואָס איז פאַרבליבן אינעם קעלער. די פּוילישע שכנים האָבן נישט געקענט דולדן די „עוולה", וואָס די קינדער באַגייען. זיי האָבן וועגן דעם געמאָלדן דער געסטאַפּאָ און די האָט זיי באַכגעשפּירט, געכאַפּט און דערשאָסן.

און נאָך אַ פאַל בן־ציון בלושטיין פון שעדלישטשע, אַ שניידער, — וועלכער פלעגט גרייטן קאָנפעקציע און פאַרקויפן אויף ביליקע פרייזן אין די אַרומיקע דערפער. אין דער מלחמה צייט האָט ער זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אין די דערפער, האָבן

די אָרטיקע פויערים דאָס נישט געקענט ליידן. זיי האָבן אים געכאַפּט, געבונדן מיט שטעכיקן דראָט, געפּייניקט מיט צעגליטע אייזנס און דערהרגעט. אויך שרעקליך האָט פּאַסירט מיט מנשה גריצמאַן, אַ ייד פונעם דאָרף קאַמיאַנקאַ, וועלכער האָט זיך אויך געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן. זיי זענען אַלע געכאַפּט געוואָרן דורך פויערים פון דער געגנט, געבונדן, געפּייניקט געוואָרן, אָפּגעהאַלטן זיי 3 טעג אָן עסן און טרינקען און שפּעטער זיי אַלע דערשאָסן.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט 11 יידן פון שעדלישטשע, וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן ביי אַן אָרעמען קאָוואַל (שמיד) פונעם דאָרף בעסק. צווישן זיי איז געווען שרה צימערמאַן די פרוי פון אברהם צימערמאַן (אברהם פּאַפּקאַלעס). זי איז געווען אַ גוטע נייטאָרין. זי פלעגט פאַרדינען ביי איר אַרבייט אויסהאַלטן אַלע און צאָלן פאַר זיי דירה־געלט. די פויערים האָבן אויף זיי דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע צו דער מאַכט. און די מאכט האָט זיי אַלע דערשאָסן. דער אָרעמער שמיד האָט געמוזט אַנטלויפן כדי ער זאָל נישט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר זיין „זינד", וואָס ער איז באַגאַנגען.

אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט נאָענטע שכנים.

נאָך דעם וואָס אין דער געגנט זענען שוין קיין יידן נישט געבליבן, יעדנפאַלס, מען האָט זיי שוין נישט געזען, האָבן די דייטשן געפּרוּווט אַריינלאַרן די איינצלנע אויסבאַ־האַלטענע יידן אין לאַגער טראַווניקע וועלכער איז געווען אין אונדזער געגנט, דורך צוזאָגן זיי גוטע באַהאַנדלונג. צו דעם צוועק האָבן זיי געמאָלדן אַז אַלע יידן, וואָס וועלן קומען פרייוויליק אינעם לאַגער וועלן בלייבן לעבן אימגעשטערט ביז דער ענדע פון דער מלחמה. צוליב דעם האָבן זיי פאַרלייכטערט די באַדינגונגען אין לאַגער און כמעט אויפגעהערט היטן דעם לאַגער. איינצלנע יידן זענען אַפילו אַרויס פון לאַגער אויפגעזוכט זייערע אויסבאַהאַלטענע פריינד און דערציילט זיי וועגן דער ענדערונג לטובה. יידן, אויסגימאַטערטע אין וועלדער און פעלדער האָבן זיך געלאָזט נאַרן פון די „הבטחות" און געקומען פון דער אומגעגנט קיין טראַווניקע. דאַן האָט מען אַלע אַוועק־געפירט קיין כעלם און זיי אַלע זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

אמת, אַז נישט אַלע פּאָליאַקן זענען געווען מערדער און פאַררעטער. ס'זענען געווען אויך, געציילטע, מיט געוויסן, ווי די פאַמיליע קראַסנאָדעמסקי, און זייער לאַגע איז געווען זייער שווער, ווייל ווען די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אַזעלכע „פאַרברעכער" האָט מען זיי באַלד דערשאָסן. אין אַזאַ לאַגע איז געווען דער הער קראַסנאָדעמסקי. די פרוי האָט זיך נאָך געשטאַרקט, אָבער ער איז פון שרעק קראַנק געוואָרן, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, אויסגעזען ווי אַ שאָטן. ער האָט שוין אַפילו איין מאָל געפּרוּווט אונדז פאַרלייגן, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן זיין בונקער, אָבער זי, די פרוי, האָט זיך געשטעלט קעגן; זי האָט געטענהט, אַז ווען מיר פאַרלאָזן דעם בונקער און מ'וועט

אונדז כאַפּן און אַוודאי הרגענען, וועט דאָס זיין אַ אייביקער פלעק אויף איר געוויסן. אין אַ געוויסן אָוונט ,ווען די קעלט איז געווען שטאַרק, איז אַראָפּגעקומען צו אונדז די פרוי קראַסנאָדעמסקי און פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אַריינקומען אין הויז. זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין איין צימער. מיר וועלן דאָרטן אַ ביסל זיך דערוואַרעמען, אויסגלייכן די ביינער און נאָכהער זיך צוריקקערן אין בונקער. דער ברודער האָט נישט געוואָלט גיין, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישט אָנגענעם איר אָפּצוזאָגן. מיר זענען איבערגעגאַנגען אין הויז. אָבער ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר און אַן אוקראַאינישער פּאָליציאַנט איז אַריינגעקומען. ווען ער האָט אונדז דערזען האָט ער באַלד אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און געווענדט אים קעגן אונדז. די פרוי קראַסנאָדעמסקי איז אים געפאַלן צו די פיס און געבעטן ער זאָל נישט שיסן. דער פּאָליציאַנט האָט איר אַ פּאַטש געגעבן און זי אָפּגעשטויסן אין אַ זייט. אין דעם מאָמענט האָב איך מיט אַ שטיק אייזן אַ קלאַפּ געטאָן אים איבערן קאָפּ, און ער איז באַלד אַנידערגעפאַלן. איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט ביז ער איז געבליבן אָן אָטעם. איך האָב צוגענומען פון אים דעם רעוואָלווער מיטן אויטאָמאַט, באַרויִקט די פרוי קראַס־נאָדעמסקי און פאַרזיכערט, אַז איך וועל דעם „פּגר" אויפרוימען. איינגעוויקלט אים אין שמאַטעס האָב איך דעם „פּגר" אַרויסגעטראָגן און באַפוילן דעם פורמאַן מיט וועלכן דער פּאָליציאַנט איז געקומען, ער זאָל מיר העלפן דעם „פּגר" אַריינלייגן אין וואָגן און פאָרן. דעם פורמאַן האָב איך געזאָגט, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער. דאָס געווער, וואָס איך האָב באַזיצט, האָט באַשטעטיקט מיינע ווערטער. אויפן פורמאַן איז געפאַלן אַ שרעק, ווייל דאָס וואָרט פּאַרטיזאַן אַליין איז געווען גענוג צו וואַרפן שרעק. מיר זענען געפאָרן ביז די טאָרף־גריבער און דאָרטן אַריינגעוואָרפן דעם „פּגר" און דעם פורמאַן האָבן מיר געוואָרנט, אַז אויב ער וועט וואַגן דערציילן, אַז מיר האָבן ליקווידירט דעם פּאָליציאַנט אין הויז פון די קראַסנאָדעמסקיס, זאָל ער געדענקען, אַז די פּאַר־טיזאַנער וועלן מאַכן מיט אים אַ חשבון. מיר האָבן אים באַפרייט און באַפוילן זיך אומקערן צופוס. דעם וואָגן מיטן פערד וועט ער באַקומען אין אַ באַשטימטן פּלאַץ און די דייטשן זאָל ער זאָגן, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרנומען דעם פּאָליציאַנט מיט זיך.

דערווייל זענען מיר געבליבן אָן אַ וווינ־אָרט און מיר האָבן זיך געלאָזט אין אַ נאָענטן דאָרף. מיר זענען געקומען צו אַ באַקאַנטן פּויער און געבעטן אונדז לאָזן זיין ביי אים אַ פּאָר טעג, אָבער מיר האָבן אים געוואָרנט, אַז טאָמער דענקט ער אונדז איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן זאָל ער געדענקען, אַז איידער־וויאָס־ווען וועלן מיר אונטערצינדן זיין הויז. דאָס געווער אין די הענט האָט געשטאַרקט אונדזער דראָונג, ביי דעם פּויער זענען מיר געווען אַ פּאָר וואָכן.

ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער ענין פונעם פּאָליציאַנט איז אַריבער בשלום האָבן מיר זיך אומגעקערט צו די קראַסנאָדעמסקיס אין בונקער. די בעלי־בתּים האָבן וועגן אונדזער צוריקקער נישט געוווּסט. צו מאָרגנס, אַז די פרוי קראַסנאָדעמסקי איז אַרויס אין הויף צונויפנעמען טאָרף פאַר הייצונג האָט זי זיך אויף אונדז אנגעשטויסן. מיר זענען געווען זיכער, אַז נאָך יענעם פאַל וועט זי זיך בייזערן אויף אונדז און וועט אונדז אַרויסטרייבן. און זי — פאַרקערט, האָט זיך מיט אונדז דערפרייט און פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן בלייבן אויף ווייטער און זי וועט זאָרגן פאַר אַלע אונדזערע נויט־באַדערפענישן.

ס׳איז פאַריבער דער ווינטער. דער פרילינג איז געקומען, און דאָ איז געקומען אַ נייע צרה. די פאַמיליע קראַסנאָדעמסקי האָט געוואָלט דינגען אַ פאַסטוך, און מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז דער פאַסטוך וועט אונדז באַמערקן און וועט אויסגעבן דעם סוד.

ווען דער ה׳ קראַסנאָדעמסקי האָט אונדז וועגן דעם געמאָלדן האָבן מיר אים אויפגעקלערט, אַז אַ פרעמדער מענטש אין הויז איז אויך פאַר אים נישט געוווּנטשן, ווייל דער ה׳ קראַסנאָדעמסקי פלעגט פאַרקויפן חזיר־פלייש און פון מאָל צו מאָל האָט ער געשאָכטן חזירים און לויטן דייטשן געזעץ איז דער, וואָס קוילעט אָן אַ דערלויבעניש, ווערט פאַרמשפּט צו טויט.

אונדזער אויפקלערונג האָט געהאַט די געהעריקע ווירקונג. דערצו האָבן מיר נאָך צוגעגעבן, אַז מיר וועלן מוסיף זיין אויף אונדזער אָפּצאָל און ער זעלבסט וועט זיך באַפרייען פון זיין באַשעפטיקונג, פונעם האַנדל מיט חזיר־פלייש.

ער האָט צוגעשטימט, און מיר זענען געבליבן צופרידן, טראַכטנדיק אַז דאָ וועלן מיר שוין בלייבן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אָבער דער גורל האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש. אין אַ שיינעם טאָג איז אַריינגעקומען צו אונדז אין בונקער די פרוי קראַסנאָדעמסקי און אונדז איבערגעגעבן, אַז די שכנים האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר געפינען זיך ביי זיי אין הויז און גרייטן זיך צו מעלדן וועגן דעם דער פּאָליציי. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז בלייבן ווייטער אין בונקער איז געפערלעך, און מיר מוזן זוכן אַן אַנדער אָרט. נאָך מער האָט געווירקט אויף אונדזער באַשלוס אַ פאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אַ גרופּע פון 7 שעדלישטשער יידן, צווישן וועלכע ס׳איז געווען די פרוי לאה קליינמאַן. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ הויפן שטרוי, אַ לענגערע צייט ביז די גויים האָבן זיך דערוויסט און זיי פאַרמסרט פאַר די דייטשן, און זייער גורל איז געווען ווי דער גורל פון אַלע יידן.

די פרוי קראַסנאָדעמסקי האָט אונדז אַפילו געפרווּוט פאַרהאַלטן, זי האָט געדענקט, אַז די שכנים זאָגן נאָר, אָבער זיי וועלן נישט וואַגן דאָס צו טאָן, אָבער מיר זענען

געוועז אַנטשלאָסן. זי האָט אונדז מיטגעגעבן שפּייז אויף אַ לענגערע צייט, געבענטשט און פאַרשפּראָכן אונדז אויפנעמען ווען מיר וועלן זיך צו זיי ווענדן.

און, אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט מיט טרערן פון אונדזערע פריינד און געלאָזט זיך זוכן אַ פּלאַץ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. מיר זענען צוגעקומען צום הויז פון אַ באַקאַנטן פּויער. פאַרטאָג־צו, נישט געוואָלט אויפוועקן דעם בעל־הבית פון שלאָף זענען מיר אַרויפגעקלעטערט אויפן בוידעם פון זיין סטאַדאַלע. די נאַכט איז געווען שיין, לויטער, שטערן אויפן הימל און צווישן זיי האָט זיך רויִק געשפּאַצירט די זילבערנע לבנה. אַלץ איז רויִק, נאָר פאַר אונדז איז קיין פּלאַץ נישטאָ, און מיר מוזן וואַנדערן און ציטערן פאַר יעדן שאָרך, אַפילו פאַר אַ בלעטל פון אַ בוים.

גאַנץ פרי זענען מיר אַראָפּ פונעם בוידעם און זיך פאָרגעשטעלט פאַרן באַקאַנטן פּויער, אָבער ער האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר קענען ביי אים אַפילו קיין מינוט נישט פאַרבלייבן, ווייל זיין זון איז געווען אויף אַרבעט ביי די דייטשן און איז פון דאָרטן אַנטלאָפן. זיי קענען יעדע מינוט קומען אים זוכן און ווען זיי וועלן געפונען אונדז ביי אים, זענען מיר און אויך ער איינגעשטעלט מיטן לעבן. מיר זענען אנטלאָפן, זיך געוואַלגערט אייניקע וואָכן אין די פעלדער. סוף־סוף איז אונדז נמאס געוואָרן דאָס וואָגלען און באַשלאָסן אַריינגנבענען זיך אין דאָרף בערעזינע און אַריינגיין אין אונדזער הויז. זייט מיר האָבן דאָס הויז פאַרלאָזט האָט דאָרט געוווינט דער וועכטער פון דער מיל. מ׳האָט אונדז געעפנט און געגעבן עפּעס עסן, זיי אַליין האָבן זייער ווייניק געהאַט וואָס צו עסן, אָבער דעם וועכטערס פרוי האָט אונדז פאָרגעלייגט זיך ווענדן צום פאַרוואַלטער פון דער מיל, ווייל ער האָט אַ מאָל אויסגעדריקט מיטלייד צו אונדז. ווירקלעך, דער פאַרוואַלטער האָט אונדז שיין אויפגענומען, געהאָלפן מיט שפּייז, אָבער ס׳ווייסט אויס נאָר „לפנים״, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער וועכטער דער־ציילט בסוד, אַז דעם פאַרוואַלטערס טאָכטער פלאַנירט אונדז איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשן.

מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזט לויפן. אָבער וווהין? ס׳האָט זיך אונדז געדוכט, אַז אַלע וועגן זענען פאַר אונדז געשלאָסן. באין ברירה האָבן מיר זיך געלאָזט צוריק צום ה׳ קראַסנאָדעמסקי. די פרוי האָט אונדז אויפגענומען מיט טרערן און פרייד צו־זאַמען. זי האָט אונדז געטרייסט און געזאָגט: די מלחמה, ווייזט אויס, ענדיקט זיך שוין איר וועט נאָך מיט גאָטס הילף איבערקומען די דייטשן און פירן אַ נאָרמאַל לעבן גלייך מיט אַנדערע.

און ווירקלעך, איר נבואה איז מקויים געוואָרן; דעם 24 יולי 1944 האָט די רויטע אַרמיי אַריינמאַרשירט קיין שעדלישטשע. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. מיר האָבן באַשלאָסן אונדזער מיל אָדער פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען. צוליב דעם האָבן מיר

געמוזט באַזיצן די נייטיקע דאָקומענטאַלע באַווייזן. איך בין געפאָרן קיין לובלין, כדי דאָס אַלץ צו באַקומען. אין דער צייט זענען אַריין צו אונדז אין הויז עטלעכע באַוואָפנטע פון דער פוילישער יוגנט און געפאָדערט פון מיין ברודער לייבל ער זאָל מיט זיי אַריינגיין אין מיל. זיי ווילן קויפן מעהל. ער איז מיט זיי מיטגעגאַנגען און דאָרטן האָבן זיי אים דערמאָרדעט.

ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט פון לובלין האָב איך געפונען דאָס הויז אָפן, אַלץ איבערגעקערט. דער ברודער איז נישטאָ, און דערווייל האָב איך באַמערקט, אַז צוויי באַוואָפנטע פון דער פוילישער יוגנט גייען מיר נאָך. בין איך אַוועק פון שעדלישטשע אין דאָרף מאָגעלניץ און זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטער רוסישער פאַמיליע. דערווייל איז די מיל געווען געשלאָסן. די פויערים, וואָס האָבן געהאַט זייער ווייץ אין מיל האָבן זיך געווענדט צו דער פאַליציי. איין פאָליציאַנט, ווייזט אויס אויך אַ מיטגליד פון דער אַ. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ), האָט כלומרשט, דעם שליסל געפונען און געעפנט די מיל און דאָ האָט מען געטראָפן דעם ברודער לייבל ליגן אַ דערמאָרדעטן.

ווען איך האָב זיך דערוווסט וועגן דעם אומגליק האָב איך געדונגען 10 יידן, געקומען קיין שעדלישטשע און געבראַכט דעם ברודער צו קבר ישראל. אויפן וועג צום הייליקן אָרט האָבן די מיטגלידער פון א. ק. אויף אונדז געשאָסן, אבער צום גליק קיינעם נישט געטראָפן. אַזוי בין איך געבליבן עלנד, איינער פון אַ פאַרצווייגטער משפחה. איך בין אַריבערגעפאָרן קיין כעלם, פון כעלם קיין שטשעטשין, פון שטשעטשין קיין בערלין און פון דאָרט קיין ישראל. דאָ, האָב איך דאנקען גאָט, אויפסניי אויפגעשטעלט אַ פאַמיליע־לעבן און וווין אין ראשון־לציון.

די פאַמיליע פון מנשה גריצמאַן

די פאַמיליע גריצמאַן האָט געוווינט אין דאָרף קאמיונקע, אַ מרחק פון 5 קילאָמעטער פון שעדלישטשע. זי האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און זייער הויז איז געווען ביים שאסיי לובלין־כעלם. יעדער רייזנדער קיין כעלם האָט געמוזט דורכפארן זייער הויז, וועלכעס איז געווען אָפן פאַר יעדן, צו עסן און צו טרינקען. אָרעמע פלעגן פון דעם הויז נישט אַרויסגיין אָן אַ שיינער נדבה.

די בעלי־עגלות פון שעדלישטשע האָבן שטענדיק באַקומען הילף פון מנשה גריצמאַן. איז צעבראָכן געוואָרן אַ ראָד אין מיטן וועג — זיך געווענדט צו מנשהן; איז אַ פערד

אין מיטן וועג קראַנק געוואָרן, און ער האָט ווייטער נישט געקענט גיין — ווער האָט געהאָלפן דעם אָרעמען בעל־עגלה — ווייסער דער דאָרפישער ייד מנשה גריצמאַן.

מנשה׳ס לאַנדווירטשאַפט איז געווען פון די שענסטע אין דאָרף און האָט געשמט אין גאַנצן ראַיאָן. פאַרשטענדלעך, אַז ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט דעם ראַיאָן האָבן זיי געוואָרפן אַן אויג אויף דער ווירטשאַפט, זי קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ דייטש, אַ געוועזענער בירגער פון פּוילן. מנשה האָט לאַנג נישט געטראַכט, גענומען די גאַנצע משפחה און אַוועק אין דאָרף בעסק, אַרבעטן ביי דער „פריצה" פון דאָרף. ווען די טייוולאָנישע מאַכט האָט פאַרשטאַרקט אירע רדיפות אויף יידן און געצווונגען די „פריצה" אַרויסטרייבן זיי, איז מנשה מיט זיין משפחה אַוועק אין די וועלדער, אויסבאַהאַלטן זיך צו־מאָל ביי באַקאַנטע פּויערים ביז ער מיט זיין פרוי פעסיל און זייערע זין אייזיק און הערשל און די טאָכטער חנה זענען אומגעקומען. גערעטעט האָבן זיך נאָר זיינע זין נח און יעקב און די טאָכטער רחל, וועלכע וווינט ביי היינטיקן טאָג אין פתח־תקווה. ווי אַזוי זיי האָבן זיך גערעטעט דערציילט זי, די טאָכטער רחל.

די דערציילונג פון רחל טערנער־גריצמאַן

ווען מיר זענען געצווונגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף בעסק זענען מיר אַנטלאָפן אין וואַלד און דאָרטן זיך אויפגעהאַלטן אַ מאָנאַט צייט. שווער איז געווען אין וואַלד און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן באַקאַנטע צווישן די פּויערים, וואָס זאָלן אונדז וועלן אויסבאַהאַלטן. ס׳האָט זיך געפונען איין משפחה, וואָס האָט צוגעשטימט פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל לאָזן אונדז זיך אויסבאַהאַלטן אין זייער שייער. 9 מאָנאַטן האָבן מיר זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן. פאַרלויפיק האָבן מיר געלעבט די צייט נישט שלעכט, ווייל מיר האָבן באַוויזן איבערפירן באַצייטנס אַ טייל פון אונדזער פאַרמעגן, שפּייז־פּראָדוקטן ווי אויך אונדזערע זעקס בהמות אין רשות פון דער „פריצה". שווער נאָר איז געווען אַרויסצוגיין פון דער באַהעלטעניש, ווייל מ׳האָט זיך באַדאַרפט היטן פון יעדן בייזן אויג. די שווערע באַדינגונגען האָבן אונדז געצווונגען פאַרלאָזן דעם שייער.

מיר זענען צוריק אַריין אינעם הויף פון דער „פריצה" און אַן איר וויסן זיך אַריינגעגנבעט אויפן בוידעם פון דעם פערד־שטאַל און דאָרטן אָפּגעזעסן אַ 7 מאָנאַט. די שווערסטע פּראָבלעם איז געווען אַראָפּצוגיין פונעם בוידען אָנבאַמערקבאַר מצד דער פריצה און אירע מענטשן, כדי איינצוקויפן שפּייז ביי די פּויערים, וואָס זענען גרייט געווען פאַר גוטן פּרייז צו פאַרקויפן. ביי נאַכט האָט מען נישט געקאָנט אַרויס, ווייל די הינט האָבן געשטערט. די בעסטע צייט איז געווען צווישן 7—8 אין אָוונט, ווען די

אַרבעטער פלעגן עסן אָוונט־ברויט און די הינט זענען נאָך צוגעבונדן צו די קייטן, אָדער צווישן 3—4 פאַרטאָג ווען די הינט זענען שוין צוריק צוגעבונדן און די אַרבעטער זענען נאָך נישטאָ אין דער ווירטשאַפט. און ווי איז געווען ווען מ׳פאַרשפּעטיקט זיך אומקערן אין דער צייט. ס׳איז געווען אַ פאַל, ווען איך מיט מיין ברודער יעקב האָבן פאַרשפּעטיקט און די הינט זענען שוין געווען פריי פון די קייטן, האָבן מיר געמוזט איבערנעכטיקן אין אייז־קעלער ביז פאַרטאָג, און ערשט דעמאָלט זיך אומקערן אין דעם שטאַל. געוויינטלעך איבערזיצן אַ גאַנצע נאַכט אין אַן אייז־קעלער איז געווען אַ סכנה צו פאַרפרוירן ווערן, אָבער צום גליק האָט דער ברודער דאָס מאָל געקויפט אויך אַ פלאַש וואָדקאַ. אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָבן מיר ביסלעכווייז אויסגעטרונקען די וואָדקאַ כדי זיך אַ ביסל דערוואַרעמען. פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך באַמיט נישט איינדרימלען ווי אויך די גאַנצע צייט באַוועגן די גלידער פון די הענט און די פיס כדי נישט פאַרגליווערט צו ווערן. פּלוצלינג, אין די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט, האָבן מיר באַמערקט אַ פאַרדעכטיקע באַוועגונג. מיר זענען דערציטערט געוואָרן ווען מיר האָבן דערהערט שטילע ווערטער אין יידיש: „ווער זענט איר?״ ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּונקט אין יענער נאַכט האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דעם זעלבן פּלאַץ אייזיק דער רימער פון שעדלישטשע. ווען מיר האָבן אין דער פרי מיט אים זיך געזעגנט האָבן מיר אים געשענקט אַ גרויס ברויט. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן, ווייל ברויט איז אין יענער צייט געווען די טייערסטע מתנה.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט האָבן מיר באַשלאָסן וואָס ווייניקער און זעלטענער פאַרלאָזן די באַהעלטעניש. צוליב דעם צוועק האָבן מיר געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט אַ פויערישער משפחה, אַז מיר וועלן איר צושטעלן מעהל פון אונדזערע אָפּשפּורונגען ביי דער „פריצה״ און זי וועט אונדז באַקן ברויט. דאָס ברויט פלעגן מיר אַריינברענגען פאַרטאָג — ווען די הינט זענען שוין געווען צוגעבונדן.

איין מאָל, ווען מיר האָבן דאָס ברויט געבראַכט, איז פּלוצלינג אויפגעשפרונגען אויף אונדז אַ גרויסער וואָלף־הונט, האָט צעריסן מיינע גראָבע קליידער, אַ נס וואָס זיינע ציין האָבן צום פלייש נישט דערגרייכט. מיר האָבן זיך געשראָקן, אַז אפשר האָט עמעצער באַמערקט ווי מיר אַנטלויפן פונעם הונט און וועט אונדז אויסגעבן. מיר האָבן באַשלאָסן בייטן אונדזער וווינונג. מיר האָבן פאַרגעלייגט אַ פויער, אַז ער זאָל אונדז פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל אויסבאַהאַלטן אויף זיין הויף. ער האָט צוגעשטימט. דריי מאָנאַטן האָבן מיר זיך ביי אים אויפגעהאַלטן, ביז אין אַ געוויסן טאָג זענען אַריין דריי פּוילישע יונגע לייט און באַפוילן גיין מיט זיי. זיי האָבן אונדז אָפּגעפירט אין אַ וואַלד. דאָ האָבן זיי אונדז דערקלערט אַז זיי געהערן צו דער אָרגאַניזאַציע אַ .ק. און די ערשטע זאַך, וואָס זיי האָבן געפאָדערט פון אונדז, איז אַז איך זאָל אָוועק־

געבן מײַנע שײנע שטיװל. איך האָב געפּרוּװט זיך אַמפּערן מיט זײ און האָב אַ װוּנק געטאָן צו מײַנע ברידער, אַז זײ זאָלן מאַכן „פּליטה". די ברידער האָבן אױסגענוצט אונדזער הילכיקן װערטער־אױסטױש און אַנטלאָפן. די פּאָליאַקן האָבן אױפגעפּאַסט דעם ענין אַ ביסל שפּעט און נאָכגעשאָסן זײ אָבער נישט געטראָפן. דערװײַל האָבן זײ מיך געפירט צו זײער אָנפירער אין נאָענטן דאָרף. דער אָנפירער האָט מיט מיר זײער פײַן זיך אױפגעפירט און פאָרגעלײגט, אַז איך מיט די ברידער זאָלן זיך אָנשליסן אין זײַן אָרגאַניזאַציע. צוליב דעם איז ער גרײט מיך באַפרײַען, כדי איך זאָל ברענגען די ברידער. ער האָט מיר אַפילו געװאָלט געבן באַגלײטערס. איך האָב אים געדאַנקט און דערקלערט, אַז איך נײטיק זיך נישט אין קײן באַגלײטונג. ער האָט מיר געגלײבט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען זײַן בײזע כּוונה. ער האָט געװאָלט דערװײזן זײַנע מענטשן, אַז מיט זײַן "ערמה" װעט ער זײ אומקערן די ייִדן, װאָס האָבן זיך אױסגעגליטשט פון זײערע הענט.

יענעם טאָג האָב איך זיך צוריק געטראָפן מיט די ברידער. זײ האָבן זיך זײער דערפרײט מיט מיר. זײ האָבן געטראַכט, אַז די אַ. ק. האָבן מיך שױן ליקװידירט. מיר האָבן װײַטער פאַרלאָזט די פּױערשע משפּחה און זיך אַװעקגעלאָזט אין אַ צװײטן דאָרף. דאָרטן האָבן מיר געפונען אַ גרױסן הױפן שטרױ און דאָ האָבן מיר זיך אױפ־געהאַלטן ביז די רוסן זענען געקומען.

די אַלע יאָרן פון אונדז׳ער װאַנדערן פלעגן מיר קומען צו אַ באַקאַנטן פּױער, װאָס האָט פאַר אונדז געבאַקן ברױט און פון מאָל צו מאָל זענען מיר געבליבן בײַ אים אַ פּאָר טעג. איך בין געװען געקלײדט װי אַ פּױערטע, מײַן גױיִשע אױסשפּראַך איז געװען װי פון אַ געבױרענער גױיה. דערום האָב איך זיך נישט געשראָקן, אַז איך װעל דערװעקן פאַרדאַכט בײַ די דײַטשן. די ברידער אָבער האָבן געהאַט סימנים פון ייִדן. דערצו זײער אױסזיכט איז געװען מער ייִדישער. זײ האָבן מער מורא געהאַט סײַ פאַר די דײַטשן און סײַ פאַר סתם־גױיִם.

אײן מאָל האָט געטראָפן, אַז מײַן ברודער נח האָט מיטגעהאָלפן דעם פּױער בײַ זײַן אַרבעט אין שײַער און איך בין געבליבן אַלײן אין הױז פון פּױער און געשטריקט. פּלוצלינג איז אַרײַנגעקומען אַ דײַטשער זעלנער און האָט געװאָלט קױפן פּוטער און אײער. איך האָב אים געגעבן 7 אײער, און ער האָט געװאָלט באַצאָלן. איך האָב נישט געװאָלט נעמען קײן געלט און געזאָגט, אַז פון אַ דײַטשן זעלנער נעמען מיר נישט קײן געלט. דער זעלנער איז אַװעק צופרידן פון מײַן „פּאַטריאָטישן" ענטפער, און איך בין אױך געװען צופרידן, װאָס כ׳האָב אים געפּטרט און אין שײַער איז ער נישט געגאַנגען.

אַ צװײט מאָל בין איך צונױפגעקומען...

געקומען אַ דייטשער זעלנער און האָט געפרעגט אויף פוטער און מילך. די פויערטע האָט זיך דערשראָקן און פאַרחלשט געוואָרן. איך האָב אָפּגעגאָסן זי מיט וואַסער און געזאָגט דעם זעלנער אַז די „מאַטקע״ איז קראַנק. איך האָב זיך כלל נישט געעקגערט. אויפגעזוכט עטלעכע אייער, אים געגעבן און נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. די פויערטע האָט נאָך דעם באַוווּנדערט מיין מוט און געזאָגט: „דו, רוכטשע (אַזוי האָט זי מיך גערופן) וועסט מיט דיין מוט די דייטשן איבערלעבן, איך אָבער בין קראַנק און וועל דעם סוף פון דער מלחמה נישט דערלעבן״. און אַזוי איז טאַקע געווען. אַ האַלב יאָר פאַר דער באַפרייונג איז די פויערטע געשטאָרבן.

נאָך דער באַפרייונג בין איך געקומען אָפּנעמען אייניקע זאַכן, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן אין זייער הויז. דער פויער האָט אונדז אַלץ אָפּגעגעבן. נאָר אויף איין זאַך האָט ער באַדויערט, וואָס ער קען אונדז נישט צוריקגעבן — דאָס איז געווען אַ שיין טיכל, וואָס זיין פרוי האָט פאַרן טויט געבעטן, אַז ער זאָל זי איינהילן אין דעם נאָכן טויט. אגב, האָט ער דערציילט, אַז פאַרן טויט האָט זי אים אָנגעזאָגט, אַז אַזוי ווי ער איז טויב, זאָל ער שלאָפן נאָענט צום פענצטער, כדי אַז ווען מנשה׳ס קינדער וועלן קלאַפּן אין פענצטער זאָל ער קענען הערן.

מאָנאַט יולי, 1944 האָבן די רוסן אַריינמאַרשירט אין דאָרף. מיר זענען אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש און אַוועק אין דאָרף קאַמיאָנקאַ. דאָרטן האָבן מיר פאַרבראַכט אַ מאָנאַט צייט און דערנאָך געפאָרן אין דער שטאָט וואַלבזשיך. אַ לענגערע צייט האָב איך געקרענקט און זיך פאַרהאַלטן אין דער שטאָט. מיט דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ייד פון שעדלישטשע און האָב געבויט אַ משפחה־לעבן. איך האָב געבוירן אַ טאָכטער און אין יאָר 1957 בין איך געקומען קיין ישראל. דאָ איז אונדז געבוירן געוואָרן אַ צווייטע טאָכטער. ביי היינטיקן טאָג לעבן מיר, ברוך השם, אין ישראל און האָפן, אַז אונדזערע קינדער וועלן נישט דורכמאַכן דעם שרעקלעכן דער־נער־וועג, וואָס איז אין אונדזער גורל אויסגעפאַלן דורכצומאַכן.

די גרויטעוועטע פון סיטשין דערציילן

אין דאָרף סיטשין, וואָס געפינט זיך אין מרחק פון 11 קילאָמעטער פון שעד־לישטשע האָבן געוווינט 25 יידישע משפחות. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט קליינ־־האַנדל און קוים אויסגעאַרבעט פרנסה. טראָץ דער קליינער צאָל יידן אין דאָרף האָט מען דאָך אויסגעהאַלטן אַ שול, אַ ביבליאָטעק, אַ רב, אַ שוחט און אַ מלמד. אַ יידיש לעבן האָט זיך געפירט אין דאָרף. מיטן אָנקום פון די דייטשן האָט מען די יידן

געצוווּנגען אַרבעטן ביי שאָסיי־אַרבעט און דער געגנט און ווינטער 1942 האָט מען אַלע יידן דערשאָסן אויפן פּלאַץ פון זייער אַרבעט.

איינער פון די געראַטעוועטע פונעם דאָרף, וואָס געפינט זיך ביים היינטיקן טאָג אין ישראל דערציילט: ער הייסט בצלאל (צאַלע) טעפּער, דער זון פון מרדכי און רייזל. די משפחה האָט געציילט דריי זין: יצחק, שמואל, בצלאל און דריי טעכטער: פייגע, חוה און שרה. דער פאָטער מרדכי איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער מלחמה. די זין יצחק און שמואל האָט מען פאַרשיקט אין לאַגער סאָביבאָר, צוזאַמען מיט די שעדלישטשער יידן און דאָרט זענען זיי אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן. די מוטער רייזל איז דערהרגעט געוואָרן באַלד נאָך שבועות 1942 אין דאָרף סיטשין. די טאָכטער פייגע האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1934 און איז איבערגעפאָרן אין שטעטל פּיאַסקי אין געגנט פון לובלין און דאָרט איז זי פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. די טעכטער חוה און שרה זענען געשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד אַלס פּוילישע מיידלעך, אָבער אַ קריסט האָט זיי אויסגעגעבן און חוה איז דורך די דייטשן דערמאָרדעט געוואָרן און שרהן איז געלונגען אויסבאַהאַלטן איר אָפּשטאַמונג און האָט געאַרבעט אין אַ געווער־פאַבריק אין דער דייטשער שטאָט טערינגען ביז דעם אָנקום פונעם רוסישן מיליטער.

נאָך דער מלחמה האָט שרה באַגעגנט איר ברודער בצלאל אין ישראל. דאָ האָט זי חתונה געהאַט און האָט געבוירן 2 זין און איין טאָכטער. זי וווינט מיט איר מאַן אין נתניה.

דער ברודער בצלאל טעפּער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון דער שטאָט פּיאַסקי נאָך פאַר דער מלחמה. אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער געווען אין געטאָ פּיאַסקי אַ לענגערע צייט און דאָרט האָט ער דורכגעמאַכט דעם גיהנום־וועג צוזאַמען מיט אַלע יידן.. מיט דער ליקווידאַציע פון דעם געטאָ איז ער אַוועק אין די וועלדער פון דער געגענט און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ פאַרטיזאַנען גרופּע.

דעם 22־סטן יוני 1944 האָבן די רוסן באַפרייט פּיאַסקי און בצלאל איז פון דאָרטן אָנגעקומען אין שעדלישטשע. דאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיט פרומאַ קליינמאַן און מיט איר חתונה געהאַט. אין יאָר 1945 האָבן זיי פאַרלאָזט פּוילן און דורך דייטשלאַנד עולה געווען קיין ישראל. דאָ, אויף דער ערד פונעם פאָטערלאַנד איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ זון און אַ טאָכטער און זיי גלייבן און האָפן אַז זייערע קינדער וועלן נישט דורכמאַכן דעם יסורים־פולן וועג, וואָס איז געווען דער שיקזאַל פון זייערע עלטערן.

טיפן און געשטאַלטן

דער שטאָט־רב

רבי יצחק ראז׳אַנער זצ״ל, דער רב פון שעדלישטשער קהילה, איז געווען אַ גרויסער למדן. פון זיינע יינגסטע יאָרן, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט שאַרפזין און זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען און פאָרשן די לימודי קודש בלב ונפש. רבי יצחק ראז׳אַנער איז אויך געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן די ענייִנים פון זיין קהילה. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די שעדלישטשער יידן, זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע היימען, זייענדיק געצוווּנגען צוּ וואַנדערן קיין רוסלאַנד, איז מיט זיי אויך מיטגעגאַנגען זייער רב, רבי יצחק ראז׳אַנער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז שוין דאָך נישט געווען יונג. שפּעטער ווען די קריג האָט זיך געענדיקט און די שעדלישטשע יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקקערן אין זייער שטעטל, איז אויך דער טרייער פאַסטעך רבי יצחק, צוריקגעקומען מיט אַלע פאַרטריבענע.

דער רב האָט געדינט מיט מסירות נפש זיין קהילה. אַ ספּעציעלע ליבשאַפט האָט ער אַרויסגעוויזן צו די איינפאַכע פשוטע יידן, צו די עמך־לייט. ער האָט זיך באַזונדער אינטערעסירט מיט די בעלי־מלאכות, און קליינהענדלער, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען תורה און זיך פאַרטיפן אין איר, און זענען נישט געווען פון די גרויסע למדנים. יעדן שבת צו די שלוש־סעודות, פלעגט דער רב פראַווען די סעודה צוזאַמען מיט די פשוטע יידן. ער פלעגט מיט זיי לערנען די פרשה פון דער וואָך, קאַפּיטלעך פון „פּרקי־אבות״ באַמיענדיק זיך אויסטייטשן און אויפקלערן אַלעס אויף אַ פשוטן אויפן, אַזוי אַז אַלע יידן זאָלן אים פאַרשטיין.

אָפטמאָל פלעגט ער האַלטן דרשות פאַר די שטאָטישע בעלי־בתים, מיט אַ רייכן אינהאַלט און פיל בקיאות. ספּעציעלע באַגייסטערטע דרשות פלעגט ער האַלטן אין די עשרת ימי תשובה, אין שבת־הגדול און ביי ענליכע געלעגנהייטן. רבי יצחק ראז׳אַנער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דערהויבענע אייגנשאַפטן, באַליבנדיק זיך דערמיט פאַר דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. ער איז געווען אַ זעלטענער באַשיידענער ייד. געווען אַ רודף שלום, געפונען פאַר יעדן איינעם זכות, געטיילט צדקה בסתר, געהאָלפן יתומים און אלמנות און דערמיט דערוואָרבן זיך אומגעוויינלעכע ליבע פונעם פאָלק. ער איז געווען אַ אמתער געקרוינטער מנהיג פון זיין קליינע עדה יידן. רבי יצחק ראז׳אַנער האָט געלעבט אַן אָרעם און שפּאַרזאַם לעבן, באַגניגנדיק זיך מיט דעם וואָס

ער האט געהאַט. ער האָט פולשטענדיק איגנארירט די פאַרגעניגנס פון חיי העולם־הזה. די וועלט האָט ער גענעען ווי אַ פאַרצימער צום עולם־האמת און געטאָן אַלעס פאַרן עולם־האמת. אַפילו פאַר זיינע רעליגיעזע לייסטונגען ווי אַ דין־תורה, חופה וקידושין אאַז״וו. פלעגט ער אויך נישט פאַרלאַנגען קיין שכר. אויב אַ פאַרמעגליכער ייד האָט דווקא געוואָלט מהנה זיין דעם רב האָט ער בלית ברירה גענומען אַ סימבאָלישע באַלוינונג. רבי יצחק ראַז׳אַנער האָט זיין גרעסטע צייט געווידמעט דעם לערנען און פאָרשן די קבלה. אויף דער טעמע האָט ער אויך געשריבן א ספר. ליידער איז דער גורל פונעם ספר געוועזן ווי דער גורל פון אַלע שעדלישטשער יידן. הרב רבי יצחק ראַז׳אַנער איז נפטר געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה, אויסלעבנדיק זיינע יאָרן בשיבה טובה. אין זיין צוואה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין פטירה האָט ער איבערגעבן האַלב פון זיינע מצוות פאַר דער רעבעצין, זיין געטרייע באַגלייטערין ביים לעבן. זי, האָט ער געשריבן אין דער צוואה, האָט גורם געוועזן ער זאָל אַ סך לערנען און זוכה זיין אין מצוות. נאָך ביים לעבן האָט ער צוגעגרייט אַ פאַרטרעטער אויפן כס הרבנות, באַשטימענדיק זיין זון ישראל (סרוליש) אַלס שטעטישער רב.

זיין זון ר׳ ישראל ראַז׳אַנער האָט נישט זוכה געוועזן זיצן לאַנג אויפן כס הרבנות. ער איז אומגעקומען אין דער שואה אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זיין פרוי, די רעבעצין צינה און זייערע פינף קינדער.

יהי זכרם ברוך.

ר׳ פייוול שוחט

אַ ייד אַ הויכער, גלייך ווי אַ סטרונע און שטאַרק ווי אַ צעדער, ברייט געבויט מיט אַ געדיכטער באָרד און דערצו אַ בכבודיקער, אַ באַליבטער ביי יעדן, אַ ייד אַ למדן, אַ טריסקער חסיד, אַ בעל־תפילה און אַ באַוווסטער מוהל אין דער סביבה. אַזעלכער איז געווען ר׳ פייוול שוחט. יעדע זאַך וואָס שמעקט מיט מצווה האָט ער געטאָן פרייוויליק. זיין פרוי חנה׳טשע פון דער פאַמיליע לאַנדוי איז געווען אַ זעלטענע שיינ־הייט, פרום, באַשיידן און טריי איר פאַרצווייגטער פאַמיליע. די פאַמיליע האָט פאַר־מאָגט צוויי זין און דריי טעכטער. אַלע שיינע, פאַרשטענדיקע און באַשיידענע ווי זייערע עלטערן. פרנסה איז נישט געווען בשפע, אָבער ר׳ פייוול מיט זיין פרוי האָבן זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט אויף מאַנגל. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט ווייניק און טראָץ זייערע קנאַפּע פאַרדינסטן, פלעגן זיי שפּענדן אויף צדקה־צוועקן מיט דער ברייטער האַנט. אין די רעגנדיקע האַרבסט־טעג ,צי אין די קאַלטע ווינטערדיקע נעכט פלעגט ר׳ פייוול זיך שלעפּן אין די בלאָטיקע אָדער פאַרשנייטע וועגן כדי צו יידישן אַ קינד. און ווען דער אַרעמער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שיקן אַ וואָגן, איז ר׳ פייוול געגאַנגען צו פוס, כדי מקיים צו זיין אַ מצווה. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער נאָך מיטגע־בראַכט מיט זיך אַ פלאַש בראָנפן און דערויף אויסגעגעבן זיין לעצטע פרוטה.

ר׳ פייוול איז נישט געווען פון יענע חסידים וואָס האָבן געזאָגט „מוסר״ אַנדערע. ער האָט נאָר געזאָרגט פאַר אַנדערע צומאָל מאַטעריעליש און צומאָל מאָראַליש.

אין די שוואַרצע יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זיין משפחה דורכגעמאַכט דעם וועג פון ליידן און פּיין גלייך מיט אַלע יידן. אין צייט פון לעצטן גירוש איז ר׳ פייוול שוין געבליבן איינזאַם און דער טאָג ווען מ׳האָט אים געפירט צוזאַמען מיט אַנ־דערע אין קרעמאַטאָריום איז געווען ז׳ אָדר — דער יאָרצייט־טאָג פון משה רבנו. ער האָט געפילט אַז דאָס איז דער סוף פון די לעצטע געבליבענע יידן פון שעדלישטשע. האָט ער צונויפגעזאַמלט אַרום זיך די יידן און האָט אויסגעשריגן: „יידן, ווייזט אויס, אַז אַזוי איז נגזר געוואָרן פון אויבן, אַז מיר זאָלן אויף אַזאַ שטייגער שטאַרבן. לאָם מיר אָננעמען די גזירה מיט ליבשאַפט און ווינטשן זיך, אַז דער טויט זאָל זיין אַ גיכער״.

אַזאַ ייד איז ר׳ פייוול שוחט געוועןביים לעבן און אַזעלכער איז ער געווען ביים שטאַרבן.

זאָל די פאַרצייכנונג זיין אַן אָנדענק דער פאַמיליע פון פייוול שוחט, פייוול ענגל. זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט.

צום אַנדענק פון ר׳ שלמה־לייב און שיינדל הארן

די פאַמיליע האָרן איז געווען איינע פון די טיפּישע פאַמיליעס אין שעדלישטשע. דריי זין האָט די משפחה פאַרמאָגט: דער עלצטער — יאָסל, דער צווייטער — יענקל און דער יינגסטער — משה. ווי אויך 4 טעכטער:ביילע, ליבע, לאה און קרעסעל. ביי דער פאַמיליע האָרן האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן אַלטע מוטער פון אַ יאָר 80. די מוטער פון דער פרוי שיינדל האָרן.

דאָס הויז פון דער פאַמיליע האָרנס איז געשטאַנען אין צענטער פונעם שטעטל נישט אונטערשיידנדיק זיך פון אַנדערע הייזער: אַ קליינע איינשטאָקיקע הילצערנע הייזקע, פאַרמאָגט אין גאַנצן צוויי חדרים מיט ווייניק באַקוועמלעכקייטן, און דאָך האָט מען זיך נישט געקלאָגט, נישט אויף ענגשאַפט און נישט אויף שלעכטע באַדינגונגען. דורות האָבן יידן אַזוי געלעבט — גרויסע מטופּלדיקע משפחות אין קליינע הילצערנע הייזער. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און קיינער האָט גאָרנישט געקלערט, אַז מ׳דאַרף ענדערן דעם וועלט־שטייגער.

ר׳ שלמה־לייב איז געווען אַ ייד פון אַ מיטלען וווקס ,אַ ברייט־ביינעקער מיט אַ געדיכטער באָרד. אויגן ברענענדיקע, די שטימע טיף און הילכיק, רירעוודיק און פלינק. ווי די מערהייט יידן פון זיין דור טיף־רעליגיעז. יום־טוב און שבת פלעגט ער שוין חזקה האָבן צו זיין אַ בעל־שחרית אין דער גרויסער שול. זיין זיסע און קלינגענדיקע שטימע האָט געשאַפן התלהבות און גערירט דעם עולם.

פּרנסה האָט ער געצויגן פון האַנדל, אָבער זיינע האַנדלס־געשעפטן זענען נישט געווען באַזונדער בליִענדיקע און דערפאַר האָט די משפחה, ווי די מערהייט משפחות אין שטעטל, געלעבט בצמצום און אָפט מאָל בדחקות.

זיינע פרימאָרגן שעהן פלעגט ר׳ שלמה־לייב אָנהייבן מיט זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים. דערנאָך דאַווענען בציבור אין גרויסן בית־המדרש, אָפּגעבנדיק זיין ליבן נאָמען זיינס, האָט ער זיך גענומען צו זיינע פּערזענלעכע ענינים — עניינים פון פּרנסה. אָבער נישט נאָר דאגות־פּרנסה אַליין האָט ר׳ שלמה־לייבן באַשעפטיקט. ער האָט נאָך אין זין געהאַט אויך דאגות הכלל. ווו איז עפּעס „הכנסת־כלה״ און ווו איז „מעות חיטין״ פאַר פּסח. דערוונטער צרכי ציבור פון אַ גאַנץ יאָר. פאַר אַלעמען האָט ער ביי יעדער אַקציע זיין באַשטייערונג געבראַכט זעלבסט און ערשט דערנאָך געפאָדערט פון אַנדערע. איינע וואָכן פאַר פּסח האָט ער שוין די אַקציע פון „מעות חיטין״ אָנגעהויבן און האָט זיך נישט באַרויִקט כל זמן ער איז נישט געווען זיכער, אַז אַלע נויט־באַדערפטיקע זענען באַזאָרגט מיט אַלע באַדערפענישן אויף פּסח.

אויף אַ באַזונדערן שטייגער פלעגט ער צוגיין צו זיין געזעלשאַפטליכער טעטיקייט:

אַנהייבן פּלעגט ער מיט אַ מעשה, וואָס האָט זיך מיט אים זעלבסט געטראָפֿן, ווען ער האָט געדינט אין רוסישן מיליטער אַלס סיגנאַליסט פֿון זיין פּאָלק. באַזונדערס האָט ער אויסגענוצט זכרונות פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַזונדערע אינטערעסאַנטע פֿאַלן: למשל, איין מאָל בעת אַ געפֿערלעכער שיסעריי האָט ער מיט נאָך אַ יידישן זעלנער געזוכט שוץ אין אַ נאָענטן גרוב, אָבער אַ רוסישער אָפֿיציר, וואָס האָט זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן, האָט זיי אַוועקגעטריבן מיט זידלערייען „פֿאַר יידן איז דאָ קיין פּלאַץ נישטאָ"! געוויינלעך האָבן זיי זיך דערווייטערט פֿון דעם פּלאַץ, אָבער באַלד איז אַ שראַפּנעל פֿונעם שונא געפֿאַלן דירעקט אין דעם גרוב און דער אָפֿיציר מיט זיין סוויטע זענען דערהרגעט געוואָרן.

אַ נס און אַ שטראָף צוזאַמען — אַ נס פֿאַר יידן און אַ שטראָף פֿאַרן שונא.

מיט זיינע דערציילונגען האָט ער ווייכער געמאַכט דאָס יידישע האַרץ און פֿאַר־בערייט צו די נויטן פֿון יחיד און כלל.

זיין הויז איז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר נויט־באַדערפֿטיקע. דאָ, ביי דער פֿאַמיליע האָרן האָבן יידן געקענט זיך אָפּרעדן פֿונעם האַרצן. דערציילן בסודי־סודות וועגן זייער שלעכטער לאַגע און זיכער איז מען געווען אַז די נויטיקע הילף וועט קומען. איז אויס־געבראָכן אַ שריפֿה אין שטעטל — און שריפֿות זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, ווייל פֿון איין זייט הילצערנע הייזקעס און פֿון דער אַנדערער זייט מאַנגל אין לעש־מיטלען — איז ר׳ שלמה־לייב געווען דער ערשטער צום לעשן, אַליין געלאָשן און אויך אַנדערע מיטגעריסן צו דער אַרבעט.

אַזוי אויפֿמערקזאַם און וואַכזאַם איז געווען ר׳ שלמה־לייב אין פֿאַל פֿון יעדער נויט.

זיינע קינדער האָט ר׳ שלמה־לייב דערצויגן אין שטרענג רעליגיעזן גייסט. דער עלצטער זון, יאָסל האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשער ישיבה, דער צווייטער זון יענקל — אין דער פּאַרצעווער ישיבה. די טעכטער האָבן באַקומען היימישע דערציִונג, אָבער אויך שטרענג פֿרום. פֿאַרווערט איז געווען טראָגן קליידער מיט קורצע אַרבל, ווי אויך זיך חברן מיט בחורים איז נישט געווען דערלויבט. דאָס אַלץ איז באַטראַכט געווען ווי אויסגעלאַסנקייט און דערצו האָט ר׳ שלמה־לייב נישט געקענט צושטימען.

אָבער די צייט איז דער בעסטער לערער און דערציִער און זי האָט געטאָן אירס, אָפֿט מאָל טראָץ דעם ווילן פֿון די עלטערן. אויך אין הויז פֿון ר׳ שלמה־לייב האָבן די ערשטע יאָרן פֿונעם 20־סטן יאָרהונדערט זייער ווירקונג באַוויזן. ביסלעכווייז האָבן זיך די קינדער באַפֿרייט פֿונעם טאַטנס יאָך און געוואָרן זעלבסשטענדיק. אומקערנדיק זיך פֿון דער ישיבה איז יאָסל געוואָרן אַ סוחר.

די טאָכטערביילע האָט געלערנט שניידעריי. מיט דער צייט געוואָרן אַ זעלבשטענ־

דיקע מאָדיסטקע און באַשעפטיקט אויך אַנדערע. די טאָכטער ליבע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַרשע און דאָרטן געאַרבעט אַלס פאַרקויפערין אין אַ גרויס געשעפט.

אויף איין געביט זענען די קינדער געבליבן טריי ביז גאָר זייער פאָטער — אויפן געביט פון העלפן נויטבאַדערפטיקע.

אויך די פרוי שיינדל איז נישט געווען מיט פאַרלייגטע הענט. ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער האָט זי געפירט דיווירטשאַפט מיט געשמאַק און טאַקט. שטענדיק איז זי געווען באַשעפטיקט אין איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט און געזאָרגט, אַז איר הויז זאָל זיין אַ וואַרעמע נעסט פאַר איר פאַמיליע: פאַר איר מאַן, פאַר די קינדער און פאַר איר אַלטער מוטער. אָבער איר זאָרג איז נישט געווען בלויז פאַר איר פאַמיליע אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַנדערע ווילטעטיקע פרויען פון שטעטל האָט זי פיל געטאָן פאַר די נויטבאַדערפטיקע און נישט נאָר אין די וואָכיקע טעג נאָר אויך אין די שבת־טעג. באַלד נאָך ליכט־בענטשן, ווען די מענער זענען אין שול אַוועק, האָט שיינדל מוותר געווען אויף רו, נאָך אַ שווערן טאָג פון קאָכן און באַקן, און צוזאַמען מיט אַן אַנדערער פרוי זיך געלאָזט שפּאַנען איבער די געסלעך פון שטעטל כדי צו זאַמלען חלה און געבעקטס פאַר קראַנקע און אָרעמע לייט, וואָס האָבן צוליב געוויסע טעמים נישט באַוויזן דאָס אַלץ צוגרייטן.

בכלל איז דאָס לעבן פון דער משפחה ווי אויך פון אַנדערע יידן אין שעדלישטשע, גאָרנישט געווען גרינג, אָבער ווי ערלעכע יידן האָבן זיי דאָס אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און זיך מיט גאָרנישט באַקלאָגט כדי נישט צו זינדיקן. מסתמא האָט גאָט אַזוי באַפוילן און אַזוי דאַרף זיין. יידן האָבן אַלץ אָנגענומען פאַר ליב.

אַזוי האָט די משפחה האָרן געצויגן דעם פאָדעם פון איר באַשיידענעם טראַדיציאָנעלן אַרט לעבן ביז חודש סעפּטעמבער 1939, ביז דער מערדערישער יידן־שונא האָט אַריינמאַרשירט און אָקופּירט פוילן. ווי באַוווסט האָט דאָס פוילישע מיליטער נישט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן דרוק פון אָנגריף מצד די דייטשן און זיך געלאָזט לויפן. זייענדיק אין קלעם צווישן די דייטשן פון איין זייט און דעם רוסישן מיליטער פון דער צווייטער זייט איז די פוילישע אַרמיי גענצלעך צעשמעטערט געוואָרן. די אַדמיניסטראַציע צוזאַמענגעבראָכן. הונגער און נויט, שרעק און טויט אויף יעדן טריט. יידישע זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי האָבן ממש געהונגערט און יידישע מוטערס האָבן נישט געקענט גלייכגילטיק צו זען די פיין פון די עלנטע יידישע קינדער אין פוילישן מיליטער און באַלד געגרינדעט אַ הילפס־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע איז געווען באַקן ברויט פאַר די זעלנער. געוויינלעך, צווישן די אַקטיווע אַרבעטער אין דעם קאמיטעט איז געווען די פרוי שיינדל האָרן.

אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט דער איבערגאַנגס מצב. שעדלישטשע איז לויטן

אַפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד געבליבן אין תחום פון די סאָוויעטן, אָבער אינגיכן האָט מען געענדערט דעם „הסכם״ און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע ערטער ביזן טייך בוג גייען איבער צו דער שליטה פון די דייטשן. אויף דעם אופן איז אויך שעדלישטשע און איר אומגעגנט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. די סאָוויעטן האָבן געמאָלדן וועגן דעם דער באַפעלקערונג, אָבער דאַביי באַמערקט, אַז ווער ס׳וויל איבערגיין צו זיי, זענען זיי גרייט אויפצונעמען.

צווישן די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם סאָוויעטישן פאָרשלאַג איז אויך געווען די פאַמיליע האָרן. דאָ האָט איבערגעוויגן די מיינונג פון ר׳ שלמה־לייב. און מאָטיווירט האָט ער זיין באַשלוס מיט טיפער זאָרג פאַרן גורל פון זיינע קינדער. „אַלס פאָטער״ — האָט ער געזאָגט — „האָב איך קיין רעכט מפקיר זיין מיינע קינדער אונטער נאַצישער הערשאַפט״. ווייזט אויס, זיין האַרץ האָט אַלץ פאָרויס געזען.

מיט אַ שווער האַרץ האָט די פאַמיליע האָרן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, בעיקר צוליב דער טאָכטער ליבע, וועלכע איז פאַרבליבן אין וואַרשע און וועגן איר גאָרנישט געוווּסט. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין ברירה, ווייל זיך זוימען אַפילו אַ קורצע צייט אין שעד־לישטשע — האָט געדראָט צו פאַרבלייבן געגנצלעך אונטער דעם היטלעריסטישן רעזשים. דעריבער האָט מען זיך געלאָזט אין וועג און דורך די שטעט כעלם, דוביענקי און לובומל זיך דערשלאָגן קיין לוצק. דאָ האָט מען זיך באַזעצט און אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דאָס לעבן פון ס׳ניי. די גאַנצע משפחה האָט געמאַכט אָנשטרענגונג און געאַרבעט, כדי ס׳זאָל נישט זיין קיין מאַנגל אין ברויט, אָבער מער פון אַלע האָט זיך געמיט ר׳ שלמה־לייב אַליין. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַרומגעלאָפן איבער די מאַרקן און ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים איז ער אַוועקגעפאַלן אַ מידער. נישט שטענדיק האָט אים געגליקט אין זיין מי. אָבער די האָפענונג אויף בעסערע צייטן אין דער צו־קונפט האָט אים געשטאַרקט און געמוטיקט פאָרצוזעצן דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אָנהייב אָקטאָבער, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן וואַרשע איז ליבע האָרן אַוועק פון דאָרטן און זיך געלאָזט אין ריכטונג פון שעדלישטשע. מיט גרויס שוועריקייט האָט זי זיך דערשלאָגן אַהיים. דאָ האָט זי זיך דערוווּסט, אַז די פאַמיליע האָט זיינער צייט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איבערגעגאַנגען דעם טייך בוג און געפינט זיך אין לוצק. זי האָט באַשלאָסן וואָס ס׳זאָל נישט זיין, זי מוז זיך פאַראייניקן מיט דער משפחה. און אין איין שיינעם טאָג האָט זי איר ציל דערגרייכט. דאָס צוזאַמענ־טרעפן מיט דער משפחה האָט פאַרשאַפן פיל פרייד אַלעמען, באַזונדערס דעם פאָטער. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער זי שטאַרק געקושט און געדריקט זי צום האַרצן און האָט אויסגעשריגן: „אַלע מיינע קינדער ווינטש איך גוטס, נאָר דיר, מיין טייער קינד, זאָל זיין אַמבעסטן״. דאָס זענען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס ליבע האָט

געהערט פונעם פאַטער. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז ער אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען. אַ לאַסט־אויטאָ האָט אים דערהרגעט.

אַזוי איז די גרויסע פרייד געווען זייער אַ קורצע און האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגען טרויער. עלנד, אָן באַקאַנטע און אין דער פרעמד איז די פאַמיליע האָרן פאַריתומט געוואָרן און געבליבן אָן דעם, וואָס האָט געזאָרגט פאַר איר עקזיסטענץ.

אָבער נויט ברעכט אייזן. נאָך דער „שבעה" האָט די משפּחה מיט געמיינזאַמע כוחות אָנגעהויבן זאָרגן פאַרן אייגענעם קיום און פעסט באַשלאָסן זיך נישט רירן פונעם פּלאַץ ביז דער ענדע פונעם קריג און ערשט דאַן זיך צוריקקערן קיין שעדלישטשע.

דערווייל איז די לאַגע אין דער געגנט געוואָרן ערגער. די רוסן האָבן אָנגעהויבן באַפעסטיקן די שטאָט לוצק און זי צוגרייטן אין פאַל פון מיליטערישן צוזאַמענשטויס מיט די דייטשן. צוליב דעם האָט די מאַכט באַשלאָסן צו דערווייטערן פון דער גרענעץ־ליניע אַלע פרעמדע עלעמענטן און זיי איבערפירן אין געגנטן פון טיף רוסלאַנד. מ'האָט געוווּסט, אַז די לאַגע דאָרטן איז נישט גוט. דעריבער האָבן יידן געפּרוּווט אויסמיידן די „גזירה" און זיך אויסבאַהאַלטן. די מאַכט האָט אָבער דאָס דערשפּירט און אָנגענומען מיטלען. און אַלס רעזולטאַט זענען פיל אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ. ק. וו. ד. און אין געשלאָסענע וואַגאָנען פאַרשיקט געוואָרן קיין נאָוואָ־סיבירסק. צווישן די פאַרשיקטע אין די טייגעס איז אויך געווען די פאַמיליע האָרן.

אין יענעם ראַיאָן זענען געווען לאַגערן פון פּאָליטישע אַרעסטירטע און נישט ווייט פון זיי האָט מען אַראָפּגעלאָזט די ניי־אָנגעקומענע און זיי באַפוילן אויפשטעלן פאַר זיך באַראַקן. ביימער האָבן נישט געפעלט אין יענעם ראַיאָן, אָבער נישט פּאַסיקע פאַר דעם ציל. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן גוט געוווּסט, אַז די מערהייט פון די ניי אָנגעקומענע וועלן נישט קענען ביישטיין די שווערע באַדינגונגען אין די ווינטער־טעג אין טייגע און וועלן מאַסנווייז אויסשטאַרבן. און נאָר די ווייניק געבליבענע וועלן מוזן זיך צופּאַסן צו די שווערע תנאים און בלייבן אייביקע קנעכט, זייענדיק געצוווּנגען צו פאַרציכטן אויף עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט. אָבער די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָבן געהאַט גענוג דערפאַרונג אין דער הינזיכט האָבן געמאַכט אויפמערקזאַם די ניי־אָנגעקומענע אויף די שלעכטע כוונות פון דער מאַכט און זיי געראָטן ווי אַמשנעלסטן אַנטלויפן פונעם פּלאַץ, ווען נישט — זענען זיי אין געפאַר אומצוקומען אין די טייגעס.

ליבע האָרן איז געווען יונג, פול מיט ענערגיע און די ווערטער פון די „פּאָליטישע" האָבן געהאַט אויף איר די געהעריקע ווירקונג. צוזאַמען מיט אַנדערע האָט זי אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד און געפאָדערט אויף אַן ענערגישן אופן איבערצופירן די מענטשן, וואָס זענען וווינונגסלאָז און האָבן אַפילו קיין פּשוטע באַראַקן נישט, אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט די מאַכט געמוזט די 1500 היימלאָזע

מענטשן איבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער, ווו ס׳זענען געווען צוגעגרייט באַראַקן. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט דער סטאַליניסטישער רעזשים נישט געקענט פאַרדייען די חוצפה פון ווידערשטאַנד, וואָס האָט געבראַכט צום דורכפאַל פון זיינע טייוולאָנישע פּלענער. די אַגענטן פון נ.ק.וו.ד. האָבן אָנגעהויבן זוכן די שולדיקע. און ווען זיי זענען געקומען אויף די שפורן פון די איניציאַטאָרס האָבן זיי די גאַנצע גרופּע אַרעסטירט. צווישן די אַלע אַרעסטירטע איז אויך געווען ליבע האָרן. זעקס מאָנאַטן איז זי געזעסן אַלס פּאָליטישע פאַרברעכערין אין סיבירער תפיסה, זי איז באַשולדיקט געוואָרן אַלס איינע פון די, וואָס גראָבן אונטער די יסודות פון דער קאָמוניסטישער אָרדנונג. אָבער דאָס מאָל איז געקומען די הילף אומגעריכט, אַ דאַנק דעם אָפּמאַך צווישן דער סאָוויעטישער רעגירונג און דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין שפּיץ מיטן גענעראַל שיקאָרסקי, איז ליבע באַפרייט געוואָרן און איז אָפּגעשיקט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע פּוילישע בירגער ווי אויך מיט איר פאַמיליע אין דער שטאָט אָמסק.

דאָ, אין אָמסק האָט ליבע אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו אַלס פאַרקויפערין און אויף אַזאַ אופן געקענט שפּייזן די גאַנצע פאַמיליע. אין יאָר 1942 איז די פאַמיליע איבערגעפאָרן אין דער שטאָט דזשאַמבול. דאָ האָט די משפחה האָרן געעפנט אַ מין רעסטאָראַן און האָבן זיך דערנערט בכבוד, זיי האָבן אַפילו געהאַט די מעגלעכקייט העלפן אויך אַנדערע פליכטלינגע.

אין יאָר 1942 האָט ליבע חתונה געהאַט מיט משה קאָרן פון לובלין. אַן אָפּשטאַם פונעם גאון מנחם בינעם — דער זון פונעם קאָצקער צדיק. צוזאַמען מיט אים האָט זי דורכגעמאַכט דעם דערנער־וועג פון די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן. דריי קינדער זענען געבוירן געוואָרן ביי זיי אין דער צייט. דער עלטערער זון — שלמה־לייב, דער צווייטער — בינעם און דער יינגסטער — אפרים.

היינט צו טאָג וווינט די משפחה אין מערב־דייטשלאַנד. זי איז טעטיק אויף אַלע געביטן, באַזונדערס אין אַלע געלט־אַקציעס פאַר ישראל. די פרוי ליבע איז טעטיק אויפן געביט פון „עלית הנוער”. 10 יאָר שטייט זי אין שפּיץ פון דער אַרבעט אין דער שטאָט פראַנקפורט אויפן מיין. אַלס פאַרמעגלעכע מענטשן שפּענדעט די משפחה פיל פאַרן אויפבוי פון ישראל און אירע זיכערהייטס־מיטלען.

אָבער אויך איר שטעטעלע שעדלישטשע פאַרגעסט נישט די פרוי ליבע. יעדעס מאָל ווען זי באַזוכט ישראל, — און דאָס מאַכט זי עטלעכע מאָל אין יאָר, — ברענגט זי אירע שטייערן דעם „ארגון יוצאי שעדלישטשע” און דאָס מיט דער ברייטער האַנט. אויך דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך איז דערמעגלעכט נאָר אַ דאַנק איר.

איר הויז אין דייטשלאַנד איז אַן אמת יידישעס. די קינדער זענען דערצויגן אין יידיש־ישראל־גייסט. בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט דער זון בינעם איבער־

געריסן זיין שטודירן און געקומען אַלס פרייוויליקער קיין ישראל. ער האָט געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין קיבוץ „הזורע". די שוועסטער פון דער פרוי ליבע האָרן, לאה, האָט בעת דער מלחמה חתונה געהאַט מיטן הער משה וואגנער פון לובלין. זיי האָבן געבוירן 3 זין און וווינען ביי היינטיקן טאָג אין אַמעריקע. ס'איז צו באַמערקן, אַז אויך די פאַמיליע איז געבליבן טריי דער פאַמיליען־טראַדיציע און שפענדעט מיט דער ברייטער האַנט פאַר ישראל און פאַרן קאָמיטעט פון שעדלישטשער לאַנדסלייט. צוזאַמען מיט לאה האָרן געפינט זיך אויך דער יונגסטער ברודער משה. אויך ער פירט אַ שיין משפּחה־לעבן, פאַרמאָגט 2 זין און אַ טאָכטער און שפענדעט פיל פאַר ישראל און פאַרן קאָמיטעט פון „יוצאי שעדלישטשע".

ביילע האָרן האָט חתונה געהאַט אין יאָר 1940 זייענדיק נאָך אין שטאָט לוצק. זי האָט זיך באַזעצט צוזאַמען מיט איר מאַן אין שטאָט לודמיר. זי האָט געבוירן אַ טאָכטער אָבער אין יאָר 1941 ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט מערב־אוקראַינע האָט די משפּחה נישט באַוויזן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיטן רוסישן מיליטער. זיי האָבן פיל געליטן ביזן גירוש אין טויט־לאַגער דורך די היטלעריסטישע מערדער און דאָרטן זענען זיי אומ־



פרוי שיינדל האָרן ז"ל און איר משפּחה נאָך דער מלחמה

געקומען צוזאַמען מיט דער יונגסטער שוועסטער קרעסעל, וועלכע האָט די לעצטע צייט זיך געפונען ביי זיי.

נאָך דער מלחמה האָט די משפחה קאָרן־האָרן באַזוכט לודמיר כדי פעסטצושטעלן דעם גורל פון זייערע שוועסטערן ביילע און קרעסעל און דאָרט האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען אַלע אומגעקומען אויסער ביילעס קליינע טאָכטער חדוה, וואָס איז אַלט געווען בסך הכל 6 מאָנאַטן בעת דער אַקציע און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אַ גויִישער משפחה. בעתן באַזוך אין לודמיר האָט די משפחה געטראָפן דאָרטן דעם ה׳ בן־ציון הערבסט, דעם שוואָגער פון זייער שוועסטער ביילע, — וואָס האָט נאָך פאַרויס געפּרוּווט אויסקויפן פון דער גויאישער משפחה דאָס קינד און ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, ווייל די גויים האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן בשום אופן מיטן קינד, אָבער אַ דאַנק אַ יידישן זעלנער פונעם סאָוויעטישן מיליטער האָט זיך זיי איינגעגעבן מיט כוח אויסלייזן דאָס קינד פון גויאישע הענט.

הער הערבסט איז געקומען קיין ישראל אין יאָר 1945 און האָט געבראַכט מיט זיך דאָס קינד אין עלטער פון 4 יאָר. דאָ, אין ישראל, האָט ער אויפגעשטעלט זיין משפחה און ביי אים אין הויז איז דערצויגן געוואָרן דאָס קינד. זי האָט באַקומען פּעדאַגאָגישע בילדונג. ביי היינטיקן טאָג איז זי אַ לערערין אין ישראל און אַ מוטער פון 3 קינדער.

נאָך דער באַפרייונג פון פוילן האָבן רעשטלעך פון דער משפחה האָרן זיך צוריק געקערט קיין שעדלישטשע און דאָ האָבן זיי זיך דערוויסט וועגן גרויסן אומגליק.

דער ברודער יאָסל, וועלכער האָט געוווינט אין שטאָט סאַרנע און אים איז נישט גע־לונגען צו אַנטלויפן באַצייטנס קיין רוסלאַנד אין יאָר 1941 איז אומגעקומען דורך די דייטשן צוזאַמען מיט זיין פרוי שרה׳טשע און זייער קליין קינד.

אַ טייל פון דער משפחה האָרן האָבן זיך באַזעצט צייטווייליק אין לובלין. אָפט מאָל פלעגן זיי באַזוכן די שטאָט כעלם צוליב פּרנסה־אָנגעלעגנהייטן. איין מאָל זענען גע־קומען 2 יידן פון דער שטאָט ראַיאָוועצע און דערציילט, אַז זיי זענען באַפאַלן געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיי באַרויבט און זענען אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון דער באַן־סטאַציע. אייניקע יידישע יונגעלייט און צווישן זיי אויך יענקל האָרן זענען נאָכגעלאָפן די באַנדיטן כדי אומצוקערן די אָרעמע יידן זייער לעצט פאַרמעגן. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט ביי דער סטאַציע כעלם אַ שלאַכט מיט די באַנדיטן און יענקל איז דערהרגעט געוואָרן. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פרוי, וועלכע וווינט ביי היינטיקן טאָג אין מדינת ישראל.

די פרוי שיינדל האָרן האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער לאה און משה. פון דאָרט פלעגט זי אָפט מאַכן באַזוכן אין ישראל. איר

ווּנטש איז געווען, אַז אירע לעצטע יאָרן זאָל זי לעבן אין ישראל. דער גורל האָט געוואָלט און אין איינעם פון אירע באַזוכן, ווען זי איז געקומען אין יאָר 1966 פראַווען דעם יום־טוב פסח אין ישראל האָט זי זיך פאַרקילט, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

איר קבר געפינט זיך אויפן בית־הקברות אין חולון, אויף דער הייליקער ערד פון ישראל, פון וועלכער זי האָט שטענדיק געחלומט.

זאָל די באַשיידענע מצבה אין בוך פון שעדלישטשע, זיין דער בעסטער אָנדענק פאַר דער משפחה שלמה לייב און שיינדל האָרן.

כבוד זייער אָנדענק!



די מצבה פון פרוי שיינדל האָרן אויפן בית־עולם אין חולון

צום אָנדענק פון ר׳ משה באָקסענבוים
און זיין פרוי ביילע־ליבע

ר׳ משה באָקסענבוים איז לויט זיין אויסערלעכן אויסזען געווען אַ ייד פון מיטעלן וווקס. אַ ברייט־בייניקער, שטאַרקע מוסקולן און אַ געדיכטע באָרד. ווייסע האָר האָבן באַקרוינט זיין קאָפּ און באָרד, כאָטש ער איז נאָך געווען פאַר די פופציק יאָר. זיין קוק איז געווען שאַרף און ערנסט, אָבער דערמיט אויך שמייכלדיק.

זיין אַרבעטס־טאָג האָט ער אָנגעהויבן נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג און פאַרענדיקט אין די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט. אַ גאַנצן טאָג מיט אַ צוגאָב פון אַ טייל נאַכט האָט ער געווידמעט דער אַרבעט, ד. ה. זיין שוסטער אַרבעט, אויסער די שעהן, וועלכע ער האָט געווידמעט צום דאַוונען — פרימאָרגן און אין אָוונט — און זיינע אָרעמע מאָלצייטן.

אמת, ער איז מער נישט ווי אַ בעל־מלאכה געווען, אָבער פרום איז ער געווען ביז גאָר און אָפּגעהיט מצוות מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט. גאַנץ פרי, ווען ס׳איז נאָך ממש געווען פינצטער און מענטשן האָבן קוים דערקענט איינער דעם אַנדערן אין גאַס, האָט מען שוין ר׳ משהן געזען לויפן מיטן טלית און תפילין אין שול אַריין צום דאַוונען „שחרית״ מיטן ערשטן מנין. זיין לויפן איז געווען עפּעס אַ מאָדנע, אויף אַ באַזונדערן שטייגער: טריט גיכע, דער קערפּער אַ ביסל געבייגט פאָרויס, דער קאָפּ עטוואָס אין דער זייט און די באָרד צעשטרויט פון ווינט.

אין דער שול איז ער געווען פון די ערשטע. ווי דער שטייגער פון בעלי־מלאכות, וואָס איילן זיך צו דער אַרבעט, האָט ער ווייניק וואָס „שהיות״ געמאַכט ביים דאַוונען, דערפאַר איז די געכאַפּטע תפילה אַרויסגעקומען פון האַרץ־טיפעניש, אַזוי ווי פּשוטע אָבער טיף־גלייביקע יידן טוען דאָס און פונקט ווי די תפילה איז געכאַפּט און קורץ, אַזוי זענען אויך די מאָלצייטן זיינע געווען קורץ און געכאַפּטע.

אַ קורצן איבעררייס אין דער אַרבעט האָט ר׳ משה געמאַכט פאַר נאַכט. האָט נאָר די זון זיך אָנגעהויבן זעצן, האָט ער באַלד איבערגעטאָן זיין אויבערשט מלבוש און איז גלייך געלאָפן אין שול צו מנחה־מעריב און ווי ער פלעגט צוגעבן: מ׳דאַרף כאַפּן קדושה־ברכו. אומקערנדיק צוריק פון דער שול האָט ער זיך געזעצט מיט אַלע בני־בית צום טיש, צום הויפּטמאָלצייט. ד. ה. די „וועטשערע״, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ פאַרציע געדיכטער זופּ און זעלטן ווען אויך אַ צוגאָב פון אַן אַנדער אָרעם געקעכץ. אָבער נאָכן בענטשן, ווייטער זיך געזעצט צו דער אַרבעט ביז די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט.

אַזוי זענען אייגנאַרטיק און מאָנאָטאָן פאָראיבער די וואָכעדיקע טעג ביי ר׳ משה באָקסענבוים — דער שוסטער פון שעדלישטשע.

אָבער גאָר עפּעס אַנדערש זענען געווען די שבת־טעג און די ימים־טובים ביי ר׳ משה׳ן אין שטוב. ערב־שבת צי ערב יום־טוב פלעגט ר׳ משה גאָר פרי פאַרענדיקן זיין אַרבעט און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום רו־טאָג. פֿאַר אַלעמען — דאָס מרחץ. דאָס האָט פאַרנומען אַ היפּשע צייט. שפּעטער אַנדערע „הכנות" און מיטן בייטן די וואָכעדיקע קליידער אויף שבתדיקע האָט זיך געדוכט, אַז ר׳ משה בייט אויך זיין נשמה. די וואָכעדיקע אויף אַ שבתדיקע, אַ נשמה יתירתדיקע געביטן. פון דעם מאָמענט אָן ווערט ער גאָר אַן אַנדערער מענטש. אויס לויפעניש און איילעניש פון וואָכן. אויס דאגות פרנסה. אַלץ שטיל און רויק. עפּעס אַן אינערלעכע רויקייט באַהערשט אַלץ. די „שכינה" פון שבת לאָזט זיך פילן אין אַלע ווינקעלעך און איבערהויפּט ביי ר׳ משה זעלבסט. מיט געמאָסטענע טריט גייט ער אין שול און פון דער שול. דאָס דאַווענען נישט געכאַפּט. הילכיק און געצויגן טראָגן זיך די קלאַנגען אין חלל פון דער העל באַלויכטענער שול. יידן זינגען מיט דבקות „לכה דודי" און ר׳ משה האַלט אונטער.

יידן פרייען זיך מיט זייער שבת און יום־טוב און ר׳ משה מיט זיי.

אַזוי זענען פאָראיבער טעג און יאָרן. ביז ס׳איז געקומען דער רשע, היטלער י״ש און האָט צעמישט די וועלט, געבראַכט חורבן און שמד פאַר יידן און אייראָפּע בכלל און שעדלישטשע בפרט. זעלבסט פאַרשטענדלעך, דער אַלגעמיין יידישער גורל איז געווען אויך דער גורל פון ר׳ משה׳ן.

די פרוי פון ר׳ משה, ביילע־ליבע איז געווען אַן „עזר כנגדו" אין פולן זין פון וואָרט. אַחוץ וואָס זי איז געווען אַן „עקרת בית" און געווען באַשעפטיקט אין טאָג־טעגלעכער בעלעבאַטישקייט, האָט זי גענומען אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין די געשעפט־ענינים פון איר מאַן. ד. ה. אין פאַרקויפן די פּראָדוקציע פון זיין שוסטעריי. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ביילע־ליבע געווען פאַרנומען, פריער אין הויז־ווירטשאַפט באַשעפטיקט מיט צוגרייטן די קינדער אין „חדר", אין שול, צוגרייטן אַלץ פאַר דער שטוב און שפּעטער — צום האַנדל; אָדער פאַרקויפן די פּראָדוקציע אָדער אויפ־מאָנען חובות פאַר געבאָרגטער סחורה. איבערפול איז געווען דער אַרבעטס־טאָג פון ביילע־ליבע, אָבער צו דער זעכסטער שטופּע איז זי דערגאַנגען יעדן דאָנערשטיק — דער וואָך־יאריד אין שעדלישטשע. אָט דער טאָג איז געווען גענצלעך געווידמעט דעם האַנדל, אָבער ענדיקנדיק די אַרבעט אין גאַס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די נאַכט־אַרבעט אין שטוב און אין אַן אָנגעשטרענגטער פאָרם. דאָ איז געקומען דער איינקויף אין די קלייטן פאַר די שבת־באַדערפענישן ווי אויך טיילווייזע באַדערפענישן פאַר דער וואָך. ווי ווייס מעהל פאַר חלות, ווי אויך קאָרן־מעהל פאַר שוואַרץ ברויט. לויטן

מנהג פון יענע צייטן האָט מען איינצייטיק, צוליב שפּאָרזאַמע טעמים געבאַקן חלה און ברויט צוזאַמען אויף אַ גאַנצע וואָך.

בכלל אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק איז ביילע־ליבע געווען וואַכזאַם, ווייניק געשלאָפן, פיל געאַרבעט: דאָ האָט זי באַדאַרפט גרייטן פאַרשידענע אַרט טייגן: פאַר חלה באַזונדער, פאַר קוכן און קיכלעך באַזונדער און פאַר שוואַרץ ברויט באַזונדער. היינט ווי זענען לאַטקעס און גלאַט קליין געבעקס? נו, און צוגרייטן אַלץ צום קאָכן און פרעגלען צומאָרגנס. באַזונדערס האָט ביילע־ליבע געזאָרגט, אַז די לאַטקעס און די פלעצלעך זאָלן נאָך גאַנץ פרי זיין פאַרטיק, און אַז די בני־בית וועלן אויפשטיין זאָלן די שמעקעדיקע, וואַרעמע לאַטקעס שטיין גרייט אויפן טיש.

אייגנטלעך פלעגן די קינדער פרייטיק, פריער ווי שטענדיק אויפוואַכן. דער רייצנדער ריח פון די געשמאַקע מאכלים איז געווען דער בעסטער וועקער פאַר זיי.

יעדן פרייטיק האָבן די איינגעשרומפּענע הענט פון ביילע־ליבען געאַרבעט כמעט ביזן זון־פאַרגאַנג. כאָטש די טעכטער פלעגן איר ביי אייניקע שטוב־אַרבעטן מיטהעלפן, דאָך די הויפּט־אַרבעט איז געלעגן אויף איר. אָבער ווען די צייט פון ליכט־בענטשן האָט זיך דערנענטערט, האָט זי מיט אַ מאָל זיך באַפרייט פונעם יאָך און אַ שבתדיקע שטימונג האָט אָנגעהויבן באַהערשן די שטוב און די סביבה. אויפציענדיק דאָס ווייסע טיכל אויפן קאָפּ פלעגט זי מיט אַ הייליקן ציטער אָנצינדן די שבתדיקע ליכט און ווען זי האָט פאַרדעקט מיט אירע אויסגעדאַרטע פינגער די אויגן און מאַכן די ברכה, האָט זיך געפילט ווי די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט קדושה פון שבת.

אַזוי האָט געאַרבעט אַלע אירע יאָרן ביילע־ליבע. די כשרע פרוי און די איבערגעגעבענע מוטער, ביז ס'האָט זיך אויפגעהויבן די רוצחישע האַנט אויף דעם לעבעדיקן בוים פונעם אייראָפּעאישן יידנטום און אים פאַרשניטן.

ס'איז געקומען דאָס יאָר 1939. די דייטשע וואַנדאַלן האָבן זיך צעלאָזט, צעווילדעוועטע איבער אייראָפּע. פּוילן איז געווען פון די ערשטע קרבנות. שנעל איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשע אָקופּאַנטן. יידן האָבן פאַרלאָזט זייערע הייזער און מאַסנווייז זיך געלאָזט לויפן, נאָר ר' משה באָקסענבוים האָט נישט געפּרוווט לויפן, ער איז שוין נישט יונג, העכער פופציק יאָר אַלט. וואָס וועלן די דייטשן מיט אים טאָן? פאַר אַ קאָמוניסט וועלן זיי אים באַטראַכטן? אַזוי נאַיִוו ביז גאָר זענען יידן נאָך געווען.

גאָר שנעל האָט אויך דער נאַאיווער ר' משה פאַרשטאַנען זיין טעות, אַז די דייטשן אונטערשיידן נישט צווישן ייד און ייד און אַז אין זין פון שנאה צו יידן אין אַלגעמיין דעצידירט נישט דער עלטער. אָבער דאַן איז שוין געווען שפּעט. אַלע וועגן זענען שוין געווען געשפּאַרט, און ר' משה גלייך מיט אַנדערע איז געבליבן פאַרשפּאַרט אין קלעם פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

און אָנגעהויבן האָבן זיך די שרעקלעכע טעג פון פּיין און ליידן. די ערשטע צייט האָט ר׳ משה געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער פון זיין אייגן הויז, אָבער באַלד האָט ער דערשפּירט, אַז אַזאַ אַרט־באַהעלטעניש איז שוץ־לאָז און ווען די לאַגע איז געוואָרן ערנסט איז ער אַנטלאָפן אין שכנותדיקן שטעטל סלאָוואַטיטשע, גלייבנדיק, אַז דאָרטן וועט זיין לייכטער. אין סלאָוואַטיטשע האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט זיין פרוי און זייער טאָכטער טובה (טויבע), ביז דער שרעקלעכער טאָג פון גירוש איז געקומען.

דעם ערשטן טאָג סוכות 1943 האָט מען צונויפגעזאַמלט אַלע יידן פון סלאָוואַטיטשע, קינד און קייט, און אונטער אַ שווערער וואַך פון מיליטער אַוועקגעפירט אין קרעמאַ־טאָריום פון לאַגער סאָביבאָר. צווישן זיי אויך ר׳ משה׳ן מיט זיין פרוי ביילע־ליבע. די טאָכטער טויבע און נאָך פאַרן גירוש געשטאָרבן. אויסגעמאַטערט פון ליידן און פּיין איז ר׳ משה נישט געווען בכוח מאַכן דעם שווערן וועג און ווען ער איז געבליבן הינ־טערשטעליק אין מיטן וועג איז ער באַלד דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג סוכות. נישט ווייט פון דער שטאָט ווישניץ איז זיין טויטער קערפּער געבליבן אין מיטן וועג.

זיין פרוי ביילע־ליבע האָט זיך נאָך קוים דערשלעפּט ביז דער שטאָט ביאַלי און דאַרטן איז זי דערשאָסן געוואָרן דעם צווייטן טאָג סוכות. די ביינער פון ר׳ משה׳ן און זיין פרוי זענען צו קבר־ישראל נישט געבראַכט געוואָרן, אָן אַ שום צייכן פון מצבה זענען זיי ערגעץ־ווו באַגראַבן. ווו פּינקטלעך איז ביז היינטיקן טאָג נישט באַוויסט.

זאָלן זייערע נשמות זיין פאַראייניקט מיט די נשמות פון אַלע קדושי ישראל, וואָס זענען געפּייניקט געוואָרן און געשטאָרבן על „קידוש השם״. זאָלן די פאַרצייכנטע ווערטער, וואָס זענען געשריבן מיט בלוט און טרערן פון זייערע קינדער פאַרעכנט ווערן אַלס לעבעדיקע מצבה צו זייער הייליקן אָנדענק — אָנדענק ביזן לעצטן דור.

זייערע קינדער: הערשל, שרה, עלי און בנימין

צום אָנדענק פון מיין סנדק לייביש מעץ

אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיטלמעסיק־געוואוקס, שיין געזיכט מיט אַ געזיל־בערטער באָרד, אַ שטילער מיט אַ רויִקן פאָטערלעך ווייכן בליק. אין אַלגעמיין אַ געשטאַלט, וואָס רופט אַכטונג צו זיך. די קליידער ריין, אין שטענדיקער אָרדנונג, זיך נישט געמישט אין קהלישע געשעפטן און אין שטאָט־קריגערייען קיין אָנטייל

נישט גענומען. אין די פרייע שעהן האָט מען אים געפונען ביי אַן אָפענער גמרא אין זיין באַשיידענעם הויז, וואָס אין צענטער שטאָט.

אַזאַ ייד איז געווען ר׳ לייביש מעץ, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן ביי אונדז אין שטאָט — לייביש וואָלער. און אַלס אַזעלכן געדענק איך אים זייט איך געדענק עפּעס אין אַלגעמיין. זייט איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש פלעג איך אים באַזוכן אַלע שבת ביי זיין שבתדיקן טיש ווו דער שניי־ווייסער אויסגעשפּרייטער טישטוך מיט די צוויי גרויסע לייכטער האָבן עדות געזאָגט וועגן הייליקייט פונעם טאָג. דאָ פלעג איך אַלע שבת ליינען פאַר אים די סדרה פון דער וואָך. מיט טיף אויפמערקזאַמקייט האָט ער אויסגעהערט מיין ליינען, און זיין פרוי איז געזעסן אַקעגן און האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צו ענדע פלעג איך באַקומען פון ר׳ לייבישן אַ קניפּ אין בעקל און פון דער פרוי — שבתדיקן כיבוד, געבעקס — היימישע פּראָדוקציע.

די פרוי — אַ באַשיידענע און שטילע און בכלל געהאַט ווינציק־וואָס אַלגעמיינעס מיט די שכנים. מ׳האָט זי ווייניק געפילט אין גאַס און נישט מער — אין שול, שבת און יום־טוב.

זאָרג פון פרנסה האָבן ר׳ לייביש און זיין פרוי חיה נישט געוווּסט, ווייל דערויף האָבן שוין געזאָרגט זייערע צוויי זין פון אַמעריקע, וואָס האָבן זיי רעגולער געשיקט דאָס נייטיקע צום לעבן.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט איז ר׳ לייביש געשטאַנען ווייט פון קהלישע ענינים און אינטריגעס. ער האָט זיך נישט געלאָזט אַריינשלעפּן אין זיי, אָבער איין מאָל איז אַרויסגעשווימען אַ וויכטיקע פּראָבלעם. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרלעצן יידישע פרנסות. דאָ האָט ר׳ לייביש זיך שוין נישט געקענט אַרויסדריין און נישט ווילנדיק איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ מחלוקת, און אַזוי איז געווען די מעשה:

אין אַ געוויסן טאָג איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַ קריסט און באַשלאָסן אויפשטעלן אַ צווייִשטאָקיק הויז. אייגנטלעך וואָס קען זיין פּשוטער פון דעם. מהיכא תיתי! ער האָט געקויפט אַ פּלאַץ אין צענטער שטאָט און האָט זיך געגרייט צום בויען. אָבער באַלד האָבן יידן דערוווּסט זיך, אַז דער בר־נש פאַרנעמט זיך אויפשטעלן אין הינטערשטן שטאָק אַ רייע קלייטן. נו, אויב קלייטן שמעקט עס מיט קאָנקורענץ פאַר יידישע קרעמערס. דערצו האָט דער בנין זעלבסט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע אומ־צופרידנהייט, ווייל מיט זיין עצם וועזן אין צענטער צווישן די צוויי הויפטגאַסן וועט ער פאַרשטעלן דעם קוק פון איין גאַס צו דער צווייטער. אויך די פּוילישע שענקערס האָבן מורא געהאַט, אַז אין די ניי־אויפגעבויטע דירות וועט מען עפענען נייע שענקען און דאָס וועט זיין אַ קאָנקורענץ אויך פאַר זיי. צו די נישט צופרידענע זענען צוגע־שטאַנען אייניקע מיוחסדיקע פּוילישע משפחות, וואָס האָבן געוווינט אין די הויפטגאַסן.

און דער בנין האָט אויך זיי געשטערט. אַזוי אַרום האָט דער בנין פּאַראייניקט אַרום זיך אַ גרויסע גרופּע פון קעגנערס. לכתחילה האָט מען געפּרוווט אָננעמען געזעצלעכע מאָסמיטלען, אָבער ווען מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז די זענען נישט גענוג, האָט מען באַשלאָסן אָננעמען גוואַלד מיטלען.

דאָס איז געווען אין אַ שבת־טאָג חודש אויגוסט 1927. אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ גרופּע אַרבעטער גייען אַרויס גראָבן גריבער פאַרן פונדאַמענט פון בנין. קינד און קייט איז אַרויס צום פּלאַץ פון בנין. אין די שולן האָט מען איבערגעריסן דאָס דאַווענען. שליחים זענען פון שטוב צו שטוב געגאַנגען און מאָביליזירט מענטשן צו דער מאַניפעסטאַציע קעגן דעם בנין. איינער פון די מאַניפעסטאַנטן איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער שטילער לייביש מעץ. צוערשט האָבן די מאַניפעסטאַנטן געדראָט די אַרבעטער, אַז זיי וועלן זיי נישט לאָזן אַרבעטן, אָבער ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן האָט מען אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער, ברעטער און אַלץ וואָס ס'איז געקומען אין האַנט אַריין. די פּאָליציאַנטן אין שפּיץ מיט זייער הויפּט־קאָמענדאַנט, וועלכן מ'האָט גערופן דער לאַנגער זענען געקומען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און געפּרוווט צעטרייבן דעם המון, אָבער קיינער האָט זיך נישט גערירט פון פּלאַץ. דער טומל אין די גאַסן האָט זיך פאַרשטאַרקט. אַ ייד, זיין נאָמען מרדכי יוסף כץ האָט באַוואָרפן איין פּאָליציאַנט מיט זאַמד. דער פּאָליציאַנט האָט אָנגעצילט אויף אים די ביקס. אין דעם קריטישן מאָמענט איז אַרויסגעשפּרינגען ר' לייביש, זיך געשטעלט צווישן דעם פּאָליציאַנט און זיין קרבן און געבעטן, אַז ער זאָל נישט שיסן, אָבער דער פּאָליציאַנט האָט אים נישט צוגעלאָזט צו זיך און געשאָסן גלייך אין אים, נאָך אים האָט אויסגעשאָסן אויך דער הויפּט־פּאָליציאַנט. דאָ, איז דער המון אַרויס פון די כלים, דער טומל איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. די אַרבעטער זענען זיך צעלאָפן. מיט דער הילף פון די פּוילישע איינוווינער איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו זיך אָפּרעכענען מיטן פּאָליציאַנט, וואָס האָט געשאָסן אין אַ יידן און באַזונדערס אַזאַ חשובן ווי ר' לייביש. די פּאָליציי האָט אַרויסגערופן פאַרשטאַרקונג פון כעלם. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אויספאָרשונגען, עדות־זאָגן ווי אויך אַרעסטן. צענדליקער יידן זענען אַנטלאָפן אין די אַרומיקע דערפער, אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט גופא. די אָרטיקע תפיסה איז געווען איבערגעפולט, דאָס שטעטל האָט געזאָטן ווי אַ זידיקער קעסל.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט. צוויי יאָר האָט ער זיך געצויגן. כדי נישט אויפרידערן די געמיטער האָט מען דעם משפט איינגעריכטעט נישט אין דער נאָענטער שטאָט כעלם, נאָר אין דער ווייטערער שטאָט קראַסניסטאַוו. מ'האָט געדונגען אַדוואָקאַטן, און בפירוש געניטע. דער סוף איז געווען אַז איינִיגע יידן זענען אָפּגעקומען מיט בלויז גרינגע שטראָפן.

דער בנין איז טראָץ אַלעמען אויפגעשטעלט געוואָרן לויט פּלאַן, אָבער דער אייגנטימער האָט נישט זוכה געווען אים זען פאַרענדיקט. ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן איידער דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן. יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, אין דעם פאַל געזען אַ שטראָף פון גאָט.

דער חסיד חיים־ישראל פון שעדלישטשע

חיים־ישראל שריפּט, דער זון פון שעיה גמרא־מלמד האָט זיך באַזונדערס מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט שטענדיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דער רוקן איינגעבויגן און דער קאָפּ איז ווי איינגעוואָקסן צווישן די אַקסלען — דאָס זענען די אויסערלעכע סימנים פון חיים־ישראל.

ווי די מערהייט יידישע קינדער האָט ער קינד־ווייז געלערנט אין אַ חדר. דערנאָך אַ לענגערע צייט געלערנט ביי זיין פאָטער שעיה דער מלמד און צום סוף — אין בית־המדרש. פאַרן שטעלן זיך צום פּריזיוו האָט ער, ווי דער מנהג פון יענע צייטן ביי די חסידים, געהאַלטן אַ שטרענגגן רעזשים פון צערן זיך. דאָס איז געווען אַ מיטל כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט, און געוויינלעך, ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַזאַ קאָמיסיע האָט מען אים געפּסלט מחמת שוואַכן געזונט צושטאַנד.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון שדכנים. שדכנים לויפן אָן אויפהער. יעדער פון זיי האָט געזוכט אַ שידוך פאַר אַזאַ געראָטן בחורל, אַ קליייניקייט. אַ בחור, אַ מיוחס, פון אַ שיינער משפּחה, און היינט „יחוס־עצמו" — אַ למדן, אַן אָנשטענדיקער און דערצו נאָך אַ באַפרייטער פון מיליטער דינסט. אמת, מ'האָט אַפילו געוווּסט, אַז צו פּרנסה געבן איז ער נישט איבריק פעיק, אָבער דאָס האָט פאַרשאַפן קנאַפּע זאָרג. ווער ס'שפּייזט אַלע מענטשן — וועט שפּייזן אויך חיים־ישראל מיט דער פאַמיליע. אַזוי האָט מען געטראַכט און אַזוי האָט חתונה געהאַט חיים־ישראל אין נישט קיין איבעריקער, גוטער און מזלדיקער שעה.

אין אַ יאָר אַרום איז געבוירן געוואָרן ביי חיים־ישראל און זיין פרוי אַ צווילינג און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערייען און קריגערייען. די הוצאות זענען געוואָרן גרעסער און די פּרנסה־מיטלען קלענער. און צו ענדע האָבן די קריגערייען געבראַכט צו אַ גט. אמת, דער שטייגער לעבן פון חיים־ישראל האָט זיך מיט גאָרנישט געביטן. חיים־ישראל האָט ווי פריער פאַרגעזעצט זיין אַרט לעבן. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געלערנט אין בית־המדרש.

ביסלעכווייז האָבן זיך די געמיטער באַרויקט אַרום דעם נישט־געלונגענעם שידוך און שדכנים האָבן פון סניי אָנגעהויבן זאָרגן פאַר חיים־ישראלן. און ווירקלעך, וויפל צייט קען אַ ייד אַזוי לעבן. מילא, וואָכן און מאָנאַטן איז פאַרשטענדלעך, אָבער יאָרן?

געוויינלעך, אין ענין שידוכים האָט מען זיך געוואָנדן צו ר׳ שעיהן און זיין פלוניתטע חיה־רחל, די רביצין און זיי האָבן לכתחילה נישט געוואָלט הערן וועגן אַ נייעם שידוך. זיך אָפגעבריט ביים ערשטן, זענען זיי פאָרזיכטיק ביים צווייטן. אָבער ווען איינער פון די „געפעפערטע" שדכנים האָט געגעבן זיי צו פאַרשטיין, אַז דאָס מאָל האַנדלט זיך וועגן אַ כשרער יידישער טאָכטער, וואָס פאַרפליכטעט זיך צו זיין אַליין די שפּייזערין. האָט דאָס געווירקט און ר׳ שעיה האָט צוגעשטימט צום שידוך.

און אַזוי איז אין אַ מזלדיקער שעה דער שדוך אויסגעפירט געוואָרן. מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה און חיים־ישראל איז שוין ווייטער אַ ייד מיט אַלע יידן. די פרוי פאַרנעמט זיך מיט קליינהאַנדל ברענגט פרנסה, און חיים־ישראל זיצט ווייטער אין בית־המדרש און לערנט תורה אומגעשטערט און איז אַ געטרייער מאַן. דערווייל האָט די נייע פרוי באַגליקט אין מסחר, דער עסק האָט געבליט און האָט געפאָדערט הילף. די פרוי האָט אָנגעהויבן פאָדערן פון חיים־ישראל ער זאָל פון צייט צו צייט קומען איר העלפן. לכתחילה האָט ער זיך געקווייקלט און געפּרובירט זיך קעגנשטעלן מיט אַן אויסרייד, אַז ער פאַרשטייט נישט די פּוילישע שפּראַך, אָבער ווען זי האָט דערקלערט, אַז ער וועט בכלל נישט דאַרפן רעדן, נאָר שטיין און אַכטונג געבן אויף דער סחורה, אַז מ׳זאָל זי נישט צוגנבענען, האָט חיים־ישראל מסכים געווען און זיך אַוועקגעשטעלט און אַכטונג געגעבן אויף דער סחורה. ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט צום אופן פון האַנדל, אָנגעהויבן עטוואָס פאַרשטיין פּויליש. פּלוצלינג האָט ער אויפגעציטערט. וואָס הערט ער? זיין פלוניתטע שווערט זיך בעתן פאַרקויפן. „מ׳טאָר נישט שווערן"! איז ער אויפגעשפּרונגען, גלייך ווי אַ שלאַנג האָט אים פאַרגיפטעט. „אונדזער תורה האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳טאָר נישט שווערן, ווען איך וועל נאָך אַ מאָל הערן דיך שווערן וועל איך פון דאַנעט אַנטלויפן".

און דער סוף? — אַ כשרע יידישע טאָכטער, וואָס דאַרף שפּייזן אַ משפחה מוז אויס קלייבן איינס פון די צוויי: אָדער זיך אונטערוואַרפן דער גזירה פון נישט שווערן, אָדער מותר זיין אויף דער הילף פונעם מאַן, וואָס ווייסט נישט קיין פּשרות לגבי זיין רעליגיעזן געוויסן.

די פרוי האָט נישט ווילנדיק אויסגעוויילט דעם צווייטן וועג.

ר׳ שעיה׳ס תלמיד, בנימין חרובי (באָקסענבוים)

רחל׳ע פון רייוויץ (וויינטרויב)

אַ פּלייסיקע און קליין־ווּקסיקע, וואַכזאַם און לעבהאַפּטיק, ערנסט און פּראַקטיש. דאָס זענען געווען די אייגנשאַפטן פון רחלע, די פרוי פון שמעון וויינטרויב דער היטל־מאַכער. אויסער דעם, וואָס זי איז געווען פאַרנומען מיטן פירן די בעל־בתישקייט איז זי נאָך געווען אַן „עזר כנגדו" — מיטהעלפערין דעם מאַן אין זיין אַרבעט.

איר לעבהאַפטיקייט איז געווען צו באַווונדערן. די אַרבעט האָט ממש געברענט אונטער אירע הענט. דאָס הויז איז שטענדיק געווען אין פולער אָרדנונג, געפינקלט פון ריינקייט, די קליידער פון דער משפחה ריינע, ציכטיקע און אויסגעפּרעסטע. דאָס עסן צו דער צייט און אין בעסטן געשמאַק. דערצו נאָך האָט זי געפונען צייט מיטהעלפן דעם מאַן אין זיין אַרבעט. איר האָט געפּאַסט אין פולן זין פון וואָרט דער פּסוק פונעם קלוגסטן מענטשן אין דער וועלט: אשת חייל מי ימצא?

די פאַמיליע וויינטרויב איז געקומען קיין שעדלישטשע אין די דרייסיקער יאָרן פונעם שטעטל ראַיאָווצע, דאָ האָבן זיי געדונגען אַ צוויי־צימער וווינונג: איין צימער אַלס וווינונג, דאָס צווייטע אַלס אַרבעטס צימער. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגן זיי פאָרן אויף ירידים אין דער געגנט, ווו זיי האָבן פאַרקויפט די אויסגעאַרבעטע היטלען. די משפחה האָט זיך גוט אַקלימאַטיזירט אין שטעטל און האָט זיך געפילט באַקוועם אין אַלע הינזיכטן. פון דער פאַרגאַנגענהייט איז איר פאַרבליבן נאָר דער צונאָמען „רייוויצער". אין זייער משפחה זענען געווען 4 קינדער: שלמה, אידה, חיים און מעימי.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט שלמה געדינט אין פּוילישן מיליטער. ווען די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער שטעטל האָט רחלע אַוועקגעשיקט דעם מאַן צוזאַמען מיט זייער זון חיים אין מערב־אוקראַינע, ווו ס׳האָט געהערשט די סאָוויעטישע מאַכט, און זי מיט די טעכטער זענען געבליבן היטן זייער הויז און וואַרטן אויפן צוריקקער פון שלמהן. צום סוף האָט דער פאָטער שלמהן, געטראָפן אין לוצק.

שמעון, שלמה און חיים האָבן אָנגעהויבן האַנדלען און אויסגעאַרבעט פּרנסה, אָבער זיי האָבן געבענקט אַהיים און האָבן באַשלאָסן זיך צוריקקערן, אָבער איבערגיין צוריק אויף אַן אומלעגאַלן אויפן קיין פּוילן איז צו יענער צייט נישט געווען מעגלעך. דערפאַר האָבן זיי זיך געווענדט אָפיציעל צו דער סאָוויעטישער מאַכט מיט אַ ביטע, אַז מען זאָל זיי ערלויבן צוריקפאָרן אַהיים. זיי האָבן אין אַ קורצער צייט באַקומען אַ דערלויבעניש און צוזאַמען מיט אַנדערע פּליטים זענען זיי אויפגעשטיגן אויף אַ באַן־צוג וועלכע האָט זיי, כלומרשט, געדאַרפט אַריבערפירן קיין פּוילן. אָבער ווען דער צוג איז געווען פול מיט יידן, האָט מען פאַרמאַכט די טירן, און דער צוג האָט פאַרקערוועט אין אַ קעגן־ריכטונג, אַנשטאָט מערב — מזרח, און אַנשטאָט פּוילן — סיביר.

אַזוי איז צעטיילט געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט די משפחה ווײַנטרויב: אַ האַלבע ווי פּליטים אין סיביר און די צווייטע — רעכטלאָזע אין פּוילן.


ערשט נאָך דער מלחמה ווען די סיבירער העלפט פון דער משפחה ווײַנטרויב האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דעם פּוילישן יידנטום אין אַלגעמיין און זייער משפּחה באַזונדער. די פרוי רחל מיט אירע צוויי טעכטער אידה און מעימי זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן. שמעון מיט זיינע צוויי זין — שלמה און חיים זענען געקומען קיין ישראל. די זין האָבן דאָ אויפגעשטעלט משפחות און דער פאָטער שמעון געפינט זיך ביי זיין זון שלמה און שעפט נחת פון זיינע אייניקלעך, וועלכע וואַקסן אויף דער ערד פון ישראל.

זאָלן די נשמות פון רחלע רייוויצער און אירע צוויי טעכטער אידה און מעימי זיין געבענטשט און זייער אָנדענק זאָל בלייבן אויסגעקריצט אויף אייביק.

זייער משפחה־פריינד
בנימין חרובי

צום אייביקן אָנדענק

צום אייביקן אָנדענק פאַר מיין מוטער לאה, מיין פאָטער מאיר נחמן (מאיר שארף), מיינע שוועסטער און ברידער וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער. מיין



יאָסל וואַרשטאַט



שרה וואַרשטאַט

פּאָטער מאיר נחמן איז געשטאָרבן פאַר דער מלחמה און איך בין פאַריתומט געוואָרן, זייענדיק אַלט בסך־הכל אַכט יאָר. מיין מאַמע לאה האָט חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל פאַר מיין שטיף־פאָטער הערש־מאיר ווארשטאט. ער איז געווען אַ קראַנקער מענטש און איז געשטאָרבן נאָך פאַר דער מלחמה.


די מאַטעריעלע לאַגע איז אין שטוב געווען זייער אַ שלעכטע, אָבער דאָס האָט לגמרי נישט געווירקט אויף דער האַרמאָניע, וואָס האָט געהערשט צווישן אונדזערע עלטערן און אויף דעם שטילן און באַשיידענעם לעבן וואָס האָט זיך געפירט צווישן זיי.



אסתר נחמן און איר קינד

אין אונדזער משפחה זענען געווען 7 קינדער: אברהם, רחל, ביילטשע, אסתר, יאָסל, משה און איך שפרה. פון אַלע בין איך די איינציקע, וועלכע איז געבליבן לעבן. אויך ביי אונדזער שטיף־פאָטער זענען געווען 5 קינדער, צוויי זין און דריי טעכטער. אויך זיי אַלע זענען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער. ווען דער קריג איז אויס־געבראָכן איז שוין מיין ברודער אברהם געווען געהייראַטעט און געהאַט אַ קליין קינד. ער האָט זיך געפרוווט ראַטעווען, אַנטלויפנדיק קיין מערב־אוקראַינע. אָבער,ליידער האָט דער שרעקלעכער גורל אויך אים נישט אויסגעמיטן מיט זיין משפחה. זיי זענען אַלע אומגעקומען אין דער שטאָט לוצק. אויך מיין שוועסטער רחל איז אַנטלאָפן פון

שעדלישטשע מיט איר מאַן און צוויי קינדער. אויך זי מיט אירע קינדער זענען אומ־געקומען אין מערב־אוקראַינע. דער גורל האָט געוואָלט אַז איך שפרה זילבערמאַן פון דער היים נחמן — די איינציקע איבערגעבליבענע פון דער גרויס פאַרצווייגטער



רחל שערמאַן פון דער היים נחמן און אירע קינדער

משפחה — זאָל דאַרפן פאַראייביקן זייערע נעמען און זייער אָנדענק אין אונדזער שעדלישטשער יזכור־בוך. זאָל דאָס זיין אַ באַשיידענע מצבה פאַר זייער אָנדענק.

שפרה זילבערמאַן, פתח־תקווה

צום אָנדענק פון מיינע נאָענטע, וועלכע זענען אומגעקומען אין די שווערע טראַגישע יאָרן 1939—1945.


ווען איך דערמאָן זיך אין מיינע עלטערן און ברודער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די בעסטיאַלישע היטלעריסטישע מערדער זע איך פאַר מיינע אויגן דאָס קליינע שטעטעלע שעדלישטשע, וועלכעס האָט זיך געפונען אויפן וועג צווישן די שטעט לובלין און כעלם. אָט דאָרט, אין דעם קליינעם יידישן ישוב, האָבן געלעבט

מיין פאָטער יצחק זילבערמאַן, מיין מוטער חיה, מיט דעם צונאָמען חיה קיוועס, ד״ה די טאָכטער פון מיין זיידן עקיבא ז״ל, מיין שוועסטער: אסתר און דבורה, מיין ברודער עקיבא און איך, משה דער בכור. אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן זייער יונג און אונדזער מוטער איז געבליבן אַן אלמנה מיט 4 קליינע קינדער. זי האָט געאַרבעט שווער און ביטער כדי מפרנס צו זיין אירע קליינע קינדער, דערציִען זיי און געבן די נויטיקסטע און מינימאַלסטע זאַכן, וואָס קינדער דאַרפן האָבן. אונדזער ברודער עקיבא איז געווען אַ קראַנקער אויף אַ פוס און דאָס איז געווען נאָך אַ שווערער קלאַפּ פאַר אונדז און דער עיקר, פאַר אונדזער טרייער מוטער.

אונדזער מוטער האָט נישט פאַרלוירן איר האָפענונג און שטענדיק געחלומט און געהאָפט אויף אַ בעסערער צוקונפט, פאַר איר און דער עיקר פאַר אירע קינדער. אין



חיה זילבערמאַן



עקיבא זילבערמאַן

אָט דער שווערער צייט פלעגט אונדזער מוטער געפונען שטענדיק אַ וואַרעם וואָרט, אַ וויץ און אַ טרייסט כדי אויפצוהייבן אונדזער מאָראַל. יאָ, נאָר דאָס איז זי אימשטאַנד געווען אונדז צו געבן און דאָס טאַקע האָט אונדז געטרייסט און צוגעגעבן מוט אינעם שווערן לעבן פון יענער צייט. אַזוי זענען מיר אויסגעוואַקסן. צוויי טעכטער מיט איין זון האָבן געהייראַטעט און אונדזער מוטער האָט שוין געקענט ביסלעכווייז אָפּאָטעמען און שעפּן אַ ביסעלע נחת פון אירע אייניקלעך, שפּילן זיך מיט זיי, קושן זיי און ליב האָבן. עס האָט זיך געדוכטן, אַז דער חלום און דער ציל פון איר לעבן איז ענדלעך

פאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער דער גורל האָט נישט געוואָלט עס זאָל אַזוי זיין. עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1939. שוואַרצע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן שוועבן איבער אונדזערע קעפּ. די היטלעריסטישע באַנדעס האָבן אַריינמאַרשירט קיין פּוילן און דאָס גוטע האַרץ פון אונדזער מוטער האָט איר נישט געלאָזט רוען. זי האָט געוויינט און געבעטן ביי אונדז מיר זאָלן אַנטלויפן: „קינדערלעך, איר זענט נאָך יונג, אַנטלויפט!" האָט זי געזאָגט. איך וועל דאָ בלייבן. איך בין דאָך אַן עלטערע פרוי. זי האָט זיך פאַר־געשטעלט, אַז זי וועט אָפּהיטן דאָס ביסל פאַרמעגן פון איר גאַנצער משפחה, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך שווערער אַרבעט ,שוויס און מאַטערניש.

איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אַנטלויפן. מיט טרערן האָט זי אונדז באַגלייט אין וועג אַריין און געזאָגט: „קינדערלעך, אַנטלויפט וואָס גיכער, אויב ס'וועט מיר נישט באַשערט זיין דאָס איבערצולעבן טו איך עס ווי אַ מאַמע דאַרף ער טוען. מיר זענען געבלין לעבן אפשר אַ דאַנק אונדזער מוטער, אָבער זי, אונדזער טייערע מאַמע מיט דעם קראַנקן ברודער עקיבא, האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט זייער לעבן. ליידער ווייסן מיר אַפילו נישט ווו זיי זענען אומגעקומען און ווו עס געפונען זיך זייערע ביינער. דאָס פאַרצייכענען אייך אינעם יזכור־בוך פון אונדזער שעדלישטשער קהילה, טייערע מאַמע און ברודער עקיבא, וועט דינען פאַר אונדז און פאַר אַלע, וועלכע וועלן לייענען דאָס בוך ווי אַן אייביקע מצבה צו אייער אָנדענק.

אסתר, דבורה און משה זילבערמאַן

די רעגירונגס־שולע „חולות״, יבנה און דער פאַרטיליקטער יידישער ישוב אין שעדלישטשע

די רעגירונגס־שולע „חולות״, יבנה אין מדינת ישראל האָט באַשלאָסן צו פאַראייביקן די קהילה שעדלישטשע פון פוילן, וועלכע איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער. דאָ ברענגען מיר אַ טייל פון איר טעטיקייט ביים פאַרווירקלעכן די פאַראייביקונגס אידעע:

דער צערעמאָניע־אַקט פון אַדאָפּטירן די קהילה שעדלישטשע דורכן ביה״ס „חולות״ יבנה.

דער דירעקטאָר פון דער שולע „חולות״ יבנה, ה׳ משה שנק עפנט די צערעמאָניע זיצונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָנדענק־טאָג „אומקום און העלדנטום״ (השואה והגבורה) פון תשכ״ה.

היינט אין טאָג פון „אומקום און העלדנטום״ האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט כדי צו געדענקען און צו דערמאָנען אונדזערע תלמידים דאָס, וואָס דער נאַצישער עמלק האָט אונדז געטאָן אין לעצטן עטאַפּ פון אונדזער לאַנגן גלות־וועג איידער מיר זענען ווידער אַנטשטאַנען אַלס זעלבסשטענדיק פאָלק אין אונדזער פאָטערלאַנד. אין די טעג, צווישן דעם יום־טוב פון באַפרייונג פון גלות מצרים אין דער פאַרגאַנגענהייט און צווישן יום העצמאות, דעם טאָג פון באַנייטער זעלבסטשטענדיקייט אין אונדזער באַנייטן לאַנד היינט — איז אונדזער חוב צו געדענקען און לערנען אַ קאַפּיטל ווענן טעג פון פינצטערניש און ליידן אין אונדזער געשיכטע. צוזאַמען דערמיט איז כדאי זיך אָפּשטעלן און אָנווייזן אויפן העלדישן קעגנשטאַנד פון ווייניקע קעגן אַ סך, פון שוואַכע קעגן שטאַרקע כוחות פון אומרעכט.

צוליב דעם צוועק האָבן מיר היינט איבערגעריסן די טאָג־טעגלעכע לימודים כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון איינער פון די פיל צעשטערטע קהילות. דורך דעם אַקט שאַפן מיר נאָך אַ רינגעלע אין דער קייט פון די שולן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע פון אַדאָפּטירן און פאַראייביקן חרוב געוואָרענע קהילות.

אונדזער חבר, דער לערער בנימין חרובי, וואָס איז געבוירן געוואָרן און האָט געלעבט אין דער קהילה שעדלישטשע, וועט אונדז פירן אין דעם דענקטאָג, אין די וועגן פון צער און ווייטאָג. מיר וועלן זיך צוהערן צו זיינע רייד, מיר וועלן לערנען און געדענקען די ליידן פון פאָלק און די העלדישע מעשים פון די יידישע קעמפער אין

דער אונטערגרונט, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם כבוד פונעם פאָלק. זאָלן מיר נעמען אַ ביישפּיל פון דער ביטערער פאַרגאַנגענהייט, זאָלן מיר וויסן ווי אַזוי ליב האָבן אונדזער פאָטערלאַנד און וויסן ווי צו שטיין קעגן יעדן שונא היינט און מאָרגן, כדי מיר זאָלן בלייבן פרייע פון היינט ביז אייביק אין אונדזער געליבטער און זעלבסט־שטענדיקער מדינה.

פון די ווערטער פונעם פּאָרזיצער

חשובע געסט און טייערע קינדער!

מיט אַ הייליקן ציטער און יראת כבוד טרעטן מיר היינט צו צום אַקט פון פאַר־אייביקן דעם נאָמען פון דער קהילה שעדלישטש, וועלכע איז חרוב געוואָרן אין די טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער ראַם פונעם שרעקלעכן אומקום (השואה). אונדזער שולע איז קליין און געפינט זיך אין אַן עולים־ישוב, און דאָך דאַרף מען באַצייכענען אַלס זכות, וואָס מיר זענען פון די ערשטע אין הינזיכט פון פאַראייביקן חרוב־געוואָרענע קהילות.

קלאָר, מיר זענען נישט אימשטאַנד אויפצולעבן די מיליאָנען יידן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן, געשאָכטן און דורך גאַז דערשטיקט געוואָרן, פאַרברענט און



פּרעזידיום בעת דער צערעמאָניע פון אַדאָפּטירן די קהילה שעדלישטש דורך דער מלוכה־שול אין יבנה־חולות.

באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט, אָבער זיי געדענקען און דערמאָנען זענען מיר מחוייב. מיליאָנען נאַזווע אויגן פון יידישע קינדער וואָס וועלן קיין מאָל נישט געעפנט ווערן, בעטן זיך ביי אייך: פאַרגעסט אונדז נישט. געדענקט די געשטאַלטן פון אָט די קינדער, וואָס האָבן געוואָלט לעבן און האָבן רעכט געהאַט צו לעבן גלייך מיט אייך — זיי זענען געווען און מער נישטאָ. טויזנטער קהילות צוגלייך מיט שעדלישטשע, וואָס האָבן געברויזט מיט יידיש לעבן, עקזיסטירן שוין מער נישט.

דאָס יידישע לעבן איז פאַרשניטן דאָרט, ס'איז פאַרשוויגן דער קול פון תורה. אַ קבר־שטילקייט הערשט איבעראַל. איר, קינדער, דאַרפט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די לעבן געבליבענע פון שעדלישטשע, זאַמלט אינפאָרמאַציע וועגן די, וואָס זענען אומגעקומען כדי איר זאָלט קענען כאָטש אויף פּאַפּיר אויפלעבן זייערע ליכטיקע געשטאַלטן.

זאָלן מיר לערנען, דערציילן וועגן זייער לעבן, וועגן זייער אַרבעט און זייערע ליידן. דאָס וועט אונדז שטאַרקן, פאַרגרעסערן אונדזער כוח און פאַרטיפן אונדזער גלויבן אין אייביקייט פון ישראל.

די לעקציע איבער דעם אומקום (השואה) וועט באַלייכטן אונדזער וועג, וועט פאַר־דאָפּלען אונדזערע כוחות און שטאַרקן אונדזער גייסט. איר, קינדער, לעבט אין דער יידישער מדינה, ווייל איז אייך, וואָס איר האָט דערצו זוכה געווען, אָבער געדענקט. אַז אויך היינט זענען נאָך פאַראַן גענוג שונאים, וואָס דענקען אונדז צו פאַרניכטן. זיי געפינען זיך נישט ווייט פון אונדז און אַפילו גאָר נאָענט. נאָר אונדזערע פיזישע און גייסטיקע כוחות קענען אונדז באַשיצן אין אונדזער קאַמף.

קינדער, זייט פלייסיק אין אייערע לימודים, זייט גרייט צו זיין געטרייע באַשיצער פון אונדזער פאָטערלאַנד, וואָקסט און אַרבעט מיט איבערגעגעבנהייט און מיט טאַלאַנט פאַר זיך, פאַר אייערע פאַמיליעס און פאַר אונדזער לאַנד.

דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אונדז און פאַר אונדזערע ברידער אין גלות, אַז אַזאַ שוידערלעכער אומקום וואָס איז געשען וועט זיך מער נישט איבערחזרן.

די ווערטער פון תלמידים־פאָרשטייער

אין נאָמען פון די תלמידים פון 7־8 קלאַסן און אין נאָמען פון אַלע תלמידים אין אונדזער שולע, דעקלאַריר איך פייערלעך בעת דער צערעמאָניע־פאַראייביקונג פון דער קהילה שעדלישטשע, אַז מיר זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די הייליקע אויפגאַבע פון פאַראייביקן די אויבנדערמאָנטע קהילה. מיר וועלן זיך באַמיִען אָנווענדן אונדזער ענערגיע און כוח כדי אויפצושטעלן דאָס געשטאַלט פון דער קהילה און אירע מיטגלידער וואָס האָבן געליטן בעת דעם אומקום און וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט אין קאַמף מיטן גרויזאַמען שונא.

מיר זענען שטאָלץ מיטן כבוד, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונדז צו זיין פון די ערשטע אין דער חשובער אַקציע. מיר האָפן, אַז אונדזער אַרבעט וועט געקרוינט ווערן מיט הצלחה און אַנדערע שולן וועלן נאָכפאָלגן און פאָרזעצן אין דער ריכטונג.

די מגילה פון פאַראייביקונג

די רעגירונגס־שולע „חולות" יבנה אין מדינת ישראל דעקלאַרירט דאָמיט פייערלעך, אַז אין טאָג כ"ז חודש ניסן תשכ"ה, האָט זי זיך פאַרפליכטעט צו פאַראייביקן די קהילה שעדלישטשע אין פוילן.

די שילער פון דער שולע, צוזאַמען מיט די דערציִונגס־פאַרוואַלטונגען און די קהילות־אָרגאַניזאַציע אין ישראל און אין גלות ווי אויך די לאַנדס־קאָמיסיע צו פאַר־אייביקונג וואָס ביי „יד ושם" אין ירושלים — וועלן טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך כדי פאָרצוזעצן די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַראייביקן די אויבנדער־מאָנטע קהילה און אויפברענגען דאָס געשטאַלט פון איר לעבן און אַרבעט ביז די טעג פונעם אומקום ווי אויך אירע ליידן, איר קאַמף און איר אונטערגאַנג אין דער צייט פון חורבן.

געחתמעט:

דירעקציע פון דער שולע:

פאָרשטייערס פון תלמידים:

פאָרשטייערס פון קהילות־אָרגאַניזאַציעס:

די מגילה איז אָנגענומען געוואָרן אין „יד ושם" אויף אייביקן אנדענק.

פון די אזכרות אין די יארן תשכ"ד-תשכ"ו

ווערטער פון דעם קינדער־פאַרשטייער פון דער שול „חולות", יבנה בעת דער יערלעכער אזכרה תשכ"ד:

געערטע פאַרזאַמלונג, שרידים פון שטעטל שעדלישטשע

איר וועט מיר דערלויבן ברענגען אייך די מיטלייד־געפילן פון דער שולע, פון אונדזער כיתה און פון מיר זעלבסט אין דער פאַרזאַמלונג, וואָס קומט פאָר אין אָנדענק פון אונדזערע ברידער אין שעדלישטשע, וועלכע זענען געפאַלן אין צייט פונעם אומקום (שואה). מיר, די תלמידים פון דער שול „חולות" יבנה, באַמיִען זיך צו לערנען די געשיכטע פון אייער שטעטל, וואָס איז אייגנטלעך די געשיכטע פונעם יידישן שטעטל בכלל. אויך איר אונטערגאַנג אין דער צייט פונעם אומקום איז נישט מער ווי אַ טייל פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע. דורכן פאַרטיפן זיך אין לעבן פון אייער שטעטל וועלן מיר בעסער קענען שטודירן דאָס לעבן פונעם פוילישן יידנטום און די געשיכטע פון די מיליאָנען יידן, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופן. דורכן אויפברענגען דעם אָנדענק פון די קדושים, וואָס זענען געווען די שיינהייט פון אונדזער פאָלק, און דורכן לערנען מעשים וועלן מיר אפשר ווערן די געהעריקע נאָכפאָלגער זייערע אין ישראל. אונדזער ווילן און שטרעבונג איז — בויען אין ישראל אַ פרייע געזעלשאַפט, אַז יעדער פון אונדז זאָל לעבן זיכער. שלום זאָל הערשן איבעראַל און מיר זאָלן מער נישט וויסן וואָס עס הייסט חורבן.

ווערטער פון דער תלמידים־פאַרשטייערין בעתן איבערגעבן די מגילה אויף דער יערלעכער אזכרה, תשכ"ה

חשובע פאַרזאַמלטע!

אין נאָמען פון די קינדער אין דער שולע „חולות" יבנה דערלאַנג איך די פאַר־אייביקונגס־מגילה. זי וועט אָנזאָגן די שפּעטערדיקע דורות וועגן שרעקלעכן אומקום, וואָס איז געשען אונדזער פאָלק אין די מלחמה־יאָרן 39—45 און וועגן אונדזערע באַמיונגען צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קרבנות.

פון די הספד־ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן בעתן דערלאַנגען אַ ספר־תורה צום אָנדענק פון שעדלישטשער קרבנות, יאָר תשכ״ו

יאָר־יערלעך פאַרזאַמלען מיר זיך, שעדלישטשער יידן אין ישראל, דעם ערשטן זונטיק נאָך שבועות, כדי צו דערמאָנען און מספיד זיין אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען אַזוי אַכזריותדיק אומגעקומען אין צייט פון אומקום (השואה). ס׳איז נישטאָ איינער פון אונדז, וואָס זאָל נישט זיין געפּרוּווט, ווער מער און ווער ווייניקער. פאָטערס און מוטערס, ברידער און שוועסטער, אַלט און קינד — אַלע זענען אויף אַ שוידערלעכן אופן אַרויסגעריסן געוואָרן און פאַרניכטעט געוואָרן. פאַריתומטע זענען מיר פאַרבליבן, איינציקע און געציילטע.

אויף אונדז, געבליבענע, ליגט אַ מאָראַלישער חוב צו געדענקען און דערמאָנען די אַלע, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן און דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן און פאַר־ברענט אין די קרעמאַטאָריומס. מיר קענען זיי נישט לעבעדיק מאַכן, אָבער זיי גע־דענקען זענען מיר מחויב. צווישן די 6 מיליאָן קרבנות פונעם פאָלק געפינען זיך אויך די קרבנות פון שעדלישטשע און דער סביבה.

אין די ערשטע טעג נאָך שבועות, צוריק מיט 22 יאָר (1943) זענען די יידן פון שעדלישטשע געבראַכט געוואָרן אין לאַגער סאָביבאָר און דאָרטן זענען זיי פאַרברענט געוואָרן אין די באַוווסטע אויוונס — באַוווסטע צו שאַנדע. שעדלישטשע איז געווען אַ קליין שטעטעלע, אָבער פול מיט יידיש לעבן, מיט קולטור און שיינע מעשים, און היינט — נישטאָ. אַלערליי יידן: יידן פון מי און אַרבעט, פון תורה און מעשים טובים, תמימות־דיקע און פקחים. אַ ווונדערבאַרע יוגנט — אַלע זענען פאַרשניטן געוואָרן. דער גרוי־זאַמער שונא האָט אויפגעהויבן זיין שאַרפע האַק און האָט דעם בליענדן, פיל־צווייגנדיקן בוים אונטערגעהאַקט. און היינט 22 יאָר נאָכן חורבן שטייען מיר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פאַרן זכר פון די קדושים און פרעגן: ווי אַזוי? ווי אַזוי האָט געקענט אַזעלכעס געשען? ווי אַזוי האָט געקענט די גוישע וועלט מיט וועלכער און צווישן וועלכער מיר און אונדזערע עלטערן האָבן געלעבט קרוב צו טויזנט יאָר, דאָס אַלץ צו זען, שווייגן, און נאָך מיטהעלפן. ס׳איז נישט אַנדערש, אַז די געשיכטע האָט אין אַ סך פאַלן אירע וועגן און אפשר וועט זי אַ מאָל אויך געבן אַ תשובה אויף דער פראַגע.

ווען מיר קומען היינט דערמאָנען און מספיד זיין די יידן פון שעדלישטשע און דער סביבה זאָלן מיר געדענקען די שעדלישטשער געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן זיך געזאָרגט פאַר צורכי הכלל און צורכי הפרט, זיך געזאָרגט פאַר „בנין הארץ״ פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט, אַז אַ ייד אַ נצרך זאָל באַקומען אַ הלוואה ווען ער נייטיקט זיך; זאָלן מיר געדענקען די לומדים פון שעדלישטשע, וואָס האָבן

מקיים געווען דעם פסוק „והגית בו יומם ולילה" גאַנץ איינפאַך; זאָלן מיר געדענקען די יידישע בעלי מלאכה'ס ווי אויך די סוחרים, וואָס האָבן ח"ו נישט פאַרגעסן צו לויפן — איך שטרייך אונטער „לויפן" אין די שולן כדי צו דאַוונען בציבור, „שחרית וערבית", טראָץ דעם וואָס זענען געווען פאַרטיפט אין דאגות פרנסה ביז איבערן קאָפּ; זאָלן מיר דערמאָנען די יידישע פרויען, וואָס האָבן נישט געהאַט מעגליכקייטן צו רוען הן אַלס מוטערס פאַר זייערע קינדער והן אַלס זאָרגערינס פאַר אַנדערע דורך סאָציאַלע הילף. אין וואָכעדיקע ווי אַפילו אין שבתדיקע טעג האָט מען זיי געקענט באַגעגענען שפּאַנען איבער די הייזער און זאַמלען ברויט און חלה פאַר קראַנקע און אָרעמע. — זאָלן מיר דערמאָנען די, וואָס האָבן 4 יאָר כסדר דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכן יסורים־וועג, דורכגעגאַנגען אַלע „שבעה מדורי גיהנום". זאָלן מיר זיי געדענקען און נישט פאַרגעסן אייביק, אייביק!

אָנדענקס־מצבה אין שול „חולות" יבנה

אונדזער שולע איז געווען צווישן די ערשטע צום פאַראייביקן די יידישע קהילות, וואָס זענען חרוב געוואָרן. מיר האָבן פאַראייביקט די קהילה שעדלישטשע אין פוילן. מיר האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די יוצאי שעדלישטשע אין ישראל. מיר האָבן שטודירט די פאַרגאַנגענהייט פון דער קהילה פאַר דעם אומקום, ווי בעת דעם אומקום און נאָך אים. שוין 3 יאָר זענען פאַראיבער זייט מיר האָבן די פאַראייביקונג געמאַכט. די שילער וואָס זענען בייגעווען ביי דער פאַראייביקונגס צערעמאָניע האָבן שוין די שולע פאַרלאָזט. איצט איז אייער חוב פאָרצוזעצן, שטודירן און זיך באַקענען מיט דער קהילה, וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ.

דורכן שטודירן די געשיכטע פון דער קהילה וועט איר אין אַלגעמיין קענען וויסן וואָס איז אַזוינס געווען דאָס פוילישע יידנטום בכלל און אייראָפּעיִשע יידנטום בפרט. כדי די פאַרבינדונג צווישן דער שולע און צווישן יוצאי־שעדלישטשע זאָל נישט איבער־געריסן ווערן, האָבן מיר באַשלאָסן אָוועקצושטעלן אין דער שולע אָט די אָנדענקס מצבה אין אַ ספּעציעל ווינקל אין איר קינדער וועלן דאַרפן אַכטונג געבן אויף דעם ווינקל און זיך באַציִען צו דער מצבה מיט דער געהעריקער אַכטונג.

דער ווינקל וועט אונדז דאַרפן טאָג־טעגלעך דערמאָנען די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער. דער ווינקל וועט דאַרפן דינען אַלס וועג־ווייזער, וואָס וועט ריכטן אונדזערע געפילן און פאַרשטאַרקן די יידן־ליבע און ליבע צו מדינת ישראל.

איך בין מכבד דעם פאָרשטייער פון שעדלישטשער קהילה, דעם חבר נח גרינשפּאַן איינער פון די שעדלישטשער געראַטעוועטע, צו אַנטהילן דעם מאָנומענט.

טיפּן און געשטאַלטן פון ציוניסטן אין שטעטל שעדלישטשע — געשריבן דורכן ה׳ מרדכי הערצוג, געוועזענער ציוניסטישער מדריך אין שעדלישטשע:

שמואל־אברהם עלסטער ז״ל

אַ בכבודיקער ייד, אַרבעטסזאַם און אָרנטלעך ביז גאָר און דער עיקר אַ געטרייער פאַמיליע־מאַן. זיין הויז — דאָס גרעסטע אין שטעטל. פרנסה האָט ער געהאַט בשפע און ס׳האָט אין שטוב גאָרנישט געפעלט. אַלע האָבן אים געאַכטעט, אַפילו די גויים האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט דרך־ארץ. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער באַוועגונג, ד. ה. ציוניזם. מיט עקל פלעגט ער אָפּוואַרפן די טענות פון די קעגנער, וואָס האָבן געטענהט, אַז אַזאַ אָנגעזעענער שטאָט־בירגער, איז נישט שיין ווען ער חברט זיך מיט יינגלעך און מיידלעך, וואָס רופן זיך אָן „חלוצים״ און ווייל זיי זוכן אַוואַנטורעס, טראַכטן זיי וועגן פּאַלעסטינע. נישט איין מאָל פלעגן זיי אים פרעגן: וואָס פעלט דיר דאָ, וואָס ווילסטו פאָרן קיין פּאַלעסטינע? דערויף איז געווען זיין ענטפער: „דער סוף וועט זיין, אַז איר וועט אויך וועלן פאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווייל דאָ איז נישט אייער פּלאַץ. ווער ווייסט צי דעמאָלט וועט שוין נישט זיין צו שפּעט״. ער האָט ווי אַ נביא פאָרויסגעזען. אינסטינקטיוו האָט ער געפילט די אָנקומענדע קאַטאַסטראָפע און אַז מ׳מוז באַצייטנס זוכן אַן אָרט וווּהין מ׳זאָל לויפן ווען מ׳וועט דאַרפן. מיט פאַרגעניגן האָט ער געשטעלט אין אונדזער רשות זיין גרויס הויז פאַר פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, דיסקוסיעס, וואָס פלעגן זיך ציִען ביז די שפּעטסטע שעהן פון דער נאַכט. נישט איין מאָל האָט מען צוליב דעם באַדאַרפט איבערשטעלן דאָס מעבל. אויף אַלץ איז ער איינגעגאַנגען. ער איז געווען גליקלעך ווען זיינע קינדער האָבן זיך אָנגעשטעקט מיטן ציוניסטישן „באַציל״ און זענען מיט דער צייט געווען טעטיק אויפן ציוניסטישן געביט.

שמואל־אברהם איז ווייט געווען פון די, וואָס שטופּן זיך צו דער מזרח־וואַנט, ווי אַנדערע פאַרמעגלעכע לייט. אַלס באַשיידענער מענטש האָט ער נישט געזוכט קיין כבוד. ער האָט געוואָלט פון אַלעמען לערנען לויטן מאמר חז״ל: פון יעדן האָב איך געלערנט. אָפט מאָל האָט מען אים געפונען נאָך אין די אַרבעטס־קליידער זיצן און צוהערן זיך ווי מ׳לייענט נייעס פון דער ארץ־ישראל־פּרעסע. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. נישט איין מאָל האָט ער זיך פאַרטיפט אין חשבונות, וועלנדיק וויסן וויפל געלט ער קען מאַכן פון זיין פאַרמעגן כדי ער זאָל קענען עולה זיין.

ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ס׳איז אים געלונגען באַצייטנס צו אַנטלויפן. אָבער כמעט אָן אַ פּרוטה. דאָס פאַרמעגן — מי פון יאָרן — איז געגאַנגען לאיבוד. ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ רוסישן קאָלכאָז. שווער איז אים געווען זיך צופּאַסן צום נייעם אַרט לעבן. דער מאַנגל אין שפּייז און דער שווערער רעזשים האָט אים אָפּגעשוואַכט. ער איז קראַנק געוואָרן און האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין קאַלטן סיביר, ווייט פון יידישן ישוב.

זאָלן זיין די ווערטער אַן אָנדענק פאַר זיין ליכטיקער געשטאַלט.

איטקעלע די ציוניסטקע

זי איז נישט געווען אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין קיין שום ציוניסטישער גרופּירונג. דעם צונאָמען „ציוניסטין״ האָט זי באַקומען אַ דאַנק דעם ציוניסטישן אינסטרוקטאָר, וואָס האָט געגרינדעט אונדזער סניף און איז איינגעשטאַנען ביי איר אין הויז. קליינשטעטלדיקע בטלנים און סתם קעגנער האָבן געפּרוווט מיט אַלערליי וועגן באַשמוצן דעם אינסטרוקטאָר, אַז ער פירט כלומרשט אַראָפּ די יוגנט פונעם גלייכן וועג און אַז ער אַליין איז אַן אַפּיקורס, היט נישט קיין יידישקייט. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרשן, באַזונדערס ביי איטקעלען וועגן זיין אויפפירונג. אָבער זי, איטקעלע, האָט דערוויזן דעם היפּוך, אַז דער אינסטרוקטאָר איז אַן ערלעכער מאַן, ער היט אָפּ יידישקייט, ער דאַוונט און לערנט אַפילו יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא, ווען ער איז פרייַ פון אַרבעט. בכלל האָט זי זיך באַמיט דערווייזן, אַז ציוניסטן אין אַלגעמיין זענען גוטע יידן און זייער איינציקער „חטא״ איז, וואָס זיי ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַ דאַנק איר ציוניסטישער פאַרטיידיקונג האָט זי באַקומען, ווי געזאָגט, דעם צונאָמען „ציוניסטקע״.

אמת־זאָגנדיק איז איטקעלע געווען אַ פּשוטע און נאַיווע פרוי. גאָר יונג איז זי אַן אלמנה געוואָרן, און איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָט זי געלאָזט מיט 4 קינדער. שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַרום זי האָט געקענט איינע אַליין שפּייזן אירע קינדער, זיי דערציִען און זיי געבן געהעריקע פאַכן.


שטיל האָט זי געטראָגן אין זיך איר אַלמנה־טרויער. זי האָט געהאָפט, אַז איר יונגערער זון בעריל וועט גיין אויף „הכשרה״, ער וועט עולה זיין קיין ארץ־ישראל און וועט זי מיטנעמען. אָבער די מלחמה האָט אירע פּלענער צונישט געמאַכט. בערלען האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפן קיין רוסלאַנד און פון דאָרטן איז ער מיטן מיליטער פון גענעראַל אַנדערס געקומען קיין ארץ־ישראל.

איטקעלע אָבער האָט נישט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל און איז אומגעקומען גלייך מיט אַנדערע. זאָל איר נאָמען זיין געבענטשט!

אליהו אַפּעלבוים ז״ל

אליהו איז געווען אַ געזונטער מענטש פון יוגנט אָן. דווקא פון מיטלמעסיקן וווקס אָבער שטאַרק געבויט. דאָס פּנים רויט און דער קוק ערנסט. ער האָט געלערנט אין חדר. געענדיקט די פּוילישע פאָלקס־שולע, געלערנט פידל, פיל געלייענט און אַלס אויטאָדידאַקט האָט ער פיל געוווּסט. באַזונדערסט האָט ער זיך אינטערעסירט מיט יידישער געשיכטע, געלייענט פיל וועגן ציוניזם און זיינע פירער. אין זייער הויז האָט געהערשט אַ קולטורעלע אַטמאָספער. אַלע קינדער האָבן געלערנט.

אלי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין מאָלעריי. אָבער אין קליינעם שטעטל



אליהו אפלבוים ז״ל ושלמה וינטרוב יל״א במדי בית״ר

האָט ער זיין טאַלאַנט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען. כדי צו העלפן דער משפחה האָט ער אָנגעהויבן אַרבייטן ביי שניידעריי — טאַקע ביי זיין פאָטער דעם שניידער.

מיטן אויפשטייג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שטעטל האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אָרטיקן סניף בית״ר און איז אין גיכן געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע און שפּעטער פון די אָנפירנדע חברים. מ׳האָט אים געשעצט ביי דער אַרבעט, אָבער ער זעלבסט איז נישט געווען צופרידן פונעם פאַרנעם און איז איבערגעגאַנגען אין דער באַוועגונג פון „השומר הלאומי״. דאָ האָט ער געפונען אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט און זיין גאַנצן כוח און ענערגיע האָט ער געווידמעט צו דער אַנטוויקלונג פונעם סניף. באַזונדער איז ער געווען טעטיק אין דער יונגער שיכט פון דער באַוועגונג. ער האָט זיך געגרייט גיין אויף „הכשרה״ און עולה זיין, אָבער צוליב פאַמיליען־סיבות האָט זיך אים דער פּלאַן נישט איינגעגעבן. דערווייל איז אויסגעבראָכן דער קריג. זיינע עלטערן און די פרוי האָבן געפאָדערט, אַז

ער זאָל פאָרן קיין רוסלאַנד. נישט ווילנדיק האָט ער איבערגעלאָזט די עלטערן און זיין יונגע כּרוי און איז אַוועק קיין אוקראַינע. אָבער דאָ האָט ער קיין רו נישט געקענט געפונען. דערווייל איז די פרוי געשטאַנען פאַר ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. ער איז צוריקגעקומען כדי זיך געפינען מיט זיין משפּחה אין די שווערע צייטן. דער ביטער־רער שיקזאַל האָט אים געברענגט גלייך אין גיהנום און ער איז אומגעקומען גלייך מיט אַלע.

כבוד זיין אָנדענק!

שרה עלסטער (ר׳ שמואל־אברהמ׳ס פרוי)

„אשת־חיל״ — דאָס איז דער פּאַסיקסטער צונאָמען פאַר איר. אַ מוסטערהאַפטע פרוי אין אַלע הינזיכטן: קלוג און גוט. טעטיק אויף אַלע געביטן. איר הויז האָט זי געפירט מיט פאַרשטאַנד און מיט אויסערגעוויינלעכן טאַקט און איבערגעגעבנקייט. די טירן זענען געווען אָפן פאַר יעדן נויט־באַדערפטיקן. די קינדער האָט זי דערצויגן אין שטרענג נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלן גייסט און זיי גערן געשיקט אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. מיט אַלעמען מיטגעהאָלפן, אַז אונדזער סניף זאָל וואַקסן. מיטן בעסטן ווילן דערלויבט פאַרזאַמלונגען און לעקציעס ביי איר אין הויז טראָץ דעם, וואָס זי האָט געוווּסט מיט וויפל באַלעסטיקונג איז דאָס פאַרבינדן.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז די משפחה אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דאָ איז זיי אויסגעקומען צו ליידן נויט און הונגער. צום סוף איז די משפחה פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווייטן קאָלכאָז. איר מאַן, ר׳ שמואל־אברהם ז״ל, האָט נישט געקענטביישטיין דעם שווערן נסיון. טראָץ זיין שטאַרקן קערפּער איז ער קראַנק געוואָרן און אַוועקגעפאַלן נאָך גאָר יונג. זי איז געבליבן מיט די קינדער, עלנט אין דער פרעמד, אָן מיטלען צו לעבן.

שטיל האָט זי געטראָגן אין זיך איר טרויער, אָבער אין האַרצן האָט געלעבט דער גלויבן און האָפענונג, אַז זי וועט נאָך זוכה זיין קומען קיין ארץ־ישראל און נאָך זען נחת פון אירע קינדער. ווען די פּוילישע פּליטים האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אומקערן אַהיים, האָט זי פאַרלאָזט רוסלאַנד און דורך פּוילן און דייטשלאַנד עולה געווען צוזאַמען מיט אירע קינדער קיין ישראל. ביי היינטיקן טאָג לעבט זי צוזאַמען מיט אירע קינדער אין נחת און כבוד.

די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין שעדלישטשע געדענקען, וואָס שרה עלסטער איז געווען פאַר זיי אין יענע יאָרן און צוזאַמען מיט אַלע געראַטעוועטע פון שעדלישטשע ווּנטשן זיי איר פיל גוטע יאָרן — יאָרן פון כבוד און נחת.

שושנה טעפּער־טערנער ז״ל

פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, באַלד מיט איר אויפקום. אירע עלטערן האָבן זיך באַמיט געבן זייערע קינדער אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג ווי ס׳איז אָנגענומען געווען יענע צייטן. שושנה (רייזל) האָט זיך אויסגעצייכנט אין לערנען. צוזאַמען מיט איר באַזוכן די פוילישע פאָלקס־שולע האָט זי שטודירט פלייסיק די העברעיִשע שפּראַך, וואָס איז געווען אַ חידוש אין יענער צייט ביי אונדז אין שטעטל. זי איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעט פונעם אָרטיקן ציוניסטישן קאָמיטעט, זי איז געווען פון די באַוווּסטזיניקסטע. געלייענט פיל, באַהאַוונט אין יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען. זי איז געווען איבערגעגעבן אירע עלטערן און האָט זיי פיל געהאָלפן. זייענדיק נייגעריק האָט זי זיך אינטערעסירט מיט די פּאַסירונגען אין ארץ־ישראל און געהאָפט עולה צו זיין. זי האָט זיך געגרייט אַרויסצוגיין אויף הכשרה, אָבער נישט ווילנדיק אַריינגיין אין אַ קאָנפליקט מיט די עלטערן האָט זי מוותר געווען אויף דעם געדאַנק.

יונג און פול מיט לעבן, אַ שטענדיקער שמייכל האָט געשוועבט אויף איר פּנים. צום גרויסן ווייטיק איז זי אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע עלטערן און מיט אַלע קדושים פון אונדזער שטעטל.

זאָל איר אָנדענק זיין געבענטשט!

זיינוול ראָזענבוים ז״ל (זיינוול־זישע)

אַ פאָלקס־ייד אין פולן זין פון וואָרט. אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, באַליבט ביי אַלע, באַזונדערס אַ דאַנק זיינע שיינע אייגנשאַפטן. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט ווייכקייט און אַ שטענדיקער שמייכל האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן. אַלס באַשיידענער מענטש איז ער געווען געאַכטעט דורך יעדן. קיין פּאַרטיי־מענטש איז ער נישט געווען, אָבער ער איז געווען אַ פריינד פון אונדזער באַוועגונג, געשפּענדעט פּאַר ציוניסטישע פאָנדן מיט אַ ברייטער האַנט. די קינדער זיינע האָט ער געשיקט אין אונדזער ארגון און האָט געהאָפט, אַז דורך אונדז וועלן זיי געפינען דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. זיין הויז האָט זיך געפירט אין יידישן טראַדיציאָנעלן גייסט. זיינע קינדער זענען באמת געווען שטאָלץ אויף זייער יידישקייט.

זיין עלטערע טאָכטער חנה האָט געמאַכט אַ דרייסטן שריט, לויט די באַגריפן פון

יענער צייט. זי האָט פאַרלאָזט איר הויז און די עלטערן און איז אַוועק מאַכן „הכשרה" כדי זי זאָל קענען עולה זיין.

ר' זיינוויל האָט שווער געאַרבעט אין האַנדל פון אייער כדי ער זאָל קענען בכבוד דערנערן זיין פאַמיליע. זיין פרוי האָט אים צוגעהאָלפן און האָט געעפנט אַ מין קיאָסק (סאַדזוווקע) פון לייכטע געטראַנקען פאַר די סוחרים, וואָס פלעגן קומען אויפן וואָכעדיקן יריד, וואָס איז פאָרגעקומען יעדן דאָנערשטיק.

דער גורל פון דער פאַמיליע איז געווען דער זעלבער ווי דער פון אַלע יידן פון שעדלישטשע.

זאָל זייער אַנדענק זיין געבענטשט!

יעקב גרינשפאַן ז"ל

שטענדיק פאַרזונקען אין אַרבעט. צוזאַמען מיט זיין באַשעפטיקונג אין קלייט האָט ער נאָך געהאָלפן דעם פאָטער אין זיין האַנדל. אָפט געפאָרן אויף ירידים אין דער סביבה כדי צו פאַרקויפן די גויים שיך און שטיוול. פאַרטאָג האָט מען באַדאַרפט פאַקן די סחורה אויף די וואָגנס און אָנקומען באַצייטנס אין נאָענטן שטעטל נאָך איידער דער יריד שטעלט זיך. דאָס שלעפן זיך אויף גוישע וואָגנס אין פעלערהאַפטע וועגן און אָפט מאָל אין שלעכטן וועטער — איז געווען שווער. דערצו נאָך זאָרג און אַנטוישט פון קנאַפן פדיון, פון שאָדנס און פון אַגיטאַציע מצד אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן פאַר־ווערט די גויים צוגיין צו אַ יידישער שטעל — דאָס אַלץ האָט געערגערט, געמאַטערט און געשאַפן שלעכטע שטימונג. דאָך, נאָך אַזאַ שווערן טאָג, מיד און צעבראָכן, האָט יעקב נישט מוותר געווען אויף זיין באַזוך אין סניף, כדי צו וויסן וואָס טוט זיך דאָרט. יעדע פרייע מינוט פון אַרבעט איז הייליק געווען פאַרן סניף.

ער איז געווען אין אַלגעמיין אַ ליבלעכער מענטש, אָרענטלעך ביז גאָר. אַ מענטש פון אמת און געזוכט אומעטום גערעכטיקייט. די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט ער חתונה געהאַט און איבערגעפאָרן קיין וולאָדאַווע און דאָרטן האָט אים געטראָפן דער אומגליק צוגלייך מיט אַנדערע.

זאָל זיין נאָמען זיין געבענטשט!

שלום כץ ז״ל

אַ ייד, אַ תלמיד־חכם, באַשיידן ביז גאָר, האָט קיין מאָל נישט געזוכט כבוד און האָט קיין מאָל זיך נישט געמישט אין קהילישע ענינים. ער איז נישט געווען קיין פּאַרטיי־מאַן און אויך אין אונדזער באַוועגונג קיין אָנטייל נישט גענומען. דאָך איז ער שטענדיק געווען גרייט צו טאָן פאַר אונדזער ציוניסטישער באַוועגונג ווען מיר האָבן פון אים פאַרלאַנגט. תמיד איז ער געווען פאַרטיפט אין זיינע פּערזענלעכע ענינים, באַזונדערס אין זיין קלייט פון וועלכן ער האָט געצויגן חיונה. ער איז געווען איבערגעגעבן זיין פאַמיליע און געזאָרגט, אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען אַ געהעריק יידישע דערציִונג. יעדע פרייע מינוט געווידמעט דעם לערנען גמרא. אין גאַס פלעגט ער דער ערשטער יענעם באַגריסן. באַליבט און געאַכטעט איז ער געווען פון יעדן. אַן אָפּטימיסט פון דער נאַטור און אַלץ געזען אין ראָזע פאַרבן. נישט געווען כלל קיין גביר און דאָך יעדן נצרך געהאָלפן און אָפּט מיט דער ברייטער האַנט. נישט געגלייבט, אַז דער שרעקלעכער אומגליק וועט אַזוי גיך קומען.

צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע איז ער אומגעקומען אין דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון אונדזער קהילה.

זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

פּייוול האָלצמאַן ז״ל

ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער באַוועגונג. אַ געוויסע צייט איז ער געווען פאָרזיצער פונעם סניף, מיטגליד פונעם אָרטיקן שקל־קאָמיטעט, מורשה פון קק״ל. ער איז געווען אַליין טעטיק און טיכטיק און האָט געווירקט אויך אויף אַנדערע, זיי זאָלן אים נאָכפאָלגן.

זיינע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע סוחרים און ער האָט נישט געוווּסט פון מאַנגל אין קיין שום זאַך. זיי האָבן געשטאַמט פון חסידים און יאָר־יערלעך פלעגן זיי באַזוכן זייערע רביים און זענען געווען באַאיינפלוסט פון זייער אויפפירעכץ. קלאָר, אַז די עלטערן זענען נישט געווען איבעריק צופרידן, וואָס זייער פּייוול איז אַראָפּ פונעם „דרך הישר״ און איז געוואָרן פלוצלינג אַ ציוניסט, אָנשטאָט ער זאָל זיין אַ בית־מדרש־בחור און אַ בעל־תכלית. ער אָבער האָט געפילט, אַז זיין וועג איז דער ריכטיקער און דעריבער האָט ער זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען צו דער באַוועגונג.

בכלל איז ער געווען פון דער נאַטור אַן אָפּטימיסט און געגלייבט אין דער צוקונפט — די פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניזם.

דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט און פייוול האָט נישט זוכה געווען צו זען די פאַרווירקלעכונג. צווישן אַלע קדושי שעדלישטשע איז ער אויך אומגעקומען.

זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

יצחק גרינשפאַן (איטשע ז״ל)

פון דער נאַטור אַ שטילער, אַ באַשיידענער. אין חדר ווי אין דער פּוילישער פאָלקס־שולע געלערנט אויסגעצייכנט. נאָך זייענדיק אַ שילער אין שולע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוגנט־באַוועגונג. פיל אָנגעזאָפּט מיט יידישער טראַדיציע פונעם יידישן קליינשטעטלדיקן לעבן. געווען דיסציפּלינירט און געהאַט דרך־ארץ פאַר עלטערע. דעם קק פון דער ציוניסטישער יוגנט האָט ער באַטראַכט ווי זיין אייגן הויז און זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ער געווידמעט דער אַרבעט אין קק.

אַ לעבעדיקן אָנטייל האָט ער גענומען אין אַלע אַקציעס פונעם קק: לעקציעס, שמועסן, שפּאַצירן, לערנען עברית, ווי אויך די אַרבעט פאַר קק״ל, ליידיקן פּושקעס און נאָך.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, מיינענדיק אויסצומיידן דעם ביטערן גורל, אָבער דער גורל האָט אים דערגרייכט אויך דאָרט. בעת דער דייטשער אינוואַזיע קיין רוסלאַנד אין יאָר 1941 איז ער אומגעקומען און ער איז נאָך גאָר יונג געווען.

זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

דוד טעפּער ז״ל

אַלס מיטגליד פונעם אָרטיקן ציוניסטישן קאָמיטעט פונעם סניף „ההחיה״ האָט ער טריי געאַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער באַוועגונג, באַזונדערס האָט אים געלאָקט די אַרבעט צווישן דער אָרטיקער יוגנט, פאַר וועלכער ער האָט געווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט, באַזונדערס פאַר די „צופים״. דוד איז געווען פון די וואָס גייען בראש און ציען נאָך זיך אַנדערע. מיט זיין איינפאַכקייט, איבערגעגעבנקייט און ענטוזיאַזם פאַר דער אידעע האָט ער אָנגעשטעקט אויך אַנדערע. ער איז געווען פון די

ערשטע חלוצים וואָס זענען געגאַנגען אויף הכשרה און זיך געגרייט צו עליה. אין הכשרה־פונקט אין ביאַליסטאָק האָט ער געדינט אַלס מוסטער, זיך צוגעפּאַסט גיך צו יעדער שווערער אַרבעט און אַלס צייכן פאַר זיין איבערגעגעבנקייט איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פונעם „קיבוץ”, אָבער זיין פאָטערס קראַנקהייט האָט אים געצווונגען זיך צוריקקערן אַהיים, זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון אַרבעט כדי צו שפּייזן די משפּחה.

מיט דאָפּלטער ענערגיע האָט ער זיך מאָביליזירט צו דער אַרבעט אין סניף. שווער איז אים געווען זיך צופּאַסן צום געדאַנק פון בלייבן אין גלות. ער האָט געזוכט וועגן כדי עולה־זיין, אָבער צום באַדויערן האָט ער פאַרשפּעטיקט און איז דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון אונדזער שטעטל.

כבוד זיין אָנדענק!

משה לאכער (מאָשקע)

זיין אַנשליסן זיך אין אונדזער באַוועגונג, אַלס חבר אין סניף „התחיה” — האָט געבראַכט צו אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג פון אונדזער סניף. זיין פרייע צייט איז געווען הייליק געגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג. זייענדיק אָנגעשטעלט אין אַ אויטאָבוס־געזעלשאַפט, וואָס האָט געהאַלטן די קאָנצעסיע אויף די ליניעס שעדליסטשע־כעלם און שעדליסטשע־לובלין האָט ער אויסגענוצט זיין אַמט פאַר די חברים, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין פאַרשידענע איינריכטונגען אין די אויבנדערמאָנטע שטעט און געוויינלעך אָן יעדן לוין פאַר זיך. דערמיט האָט ער געשטעלט אין געפאַר זיין אַמט, נישט איין מאָל האָט ער באַקומען פאָרווורפן מצד זיינע בעה״בתים, הלמאי ער גיט זיך אָפּ מיט זיינע חברים־חלוצים מער ווי מיין זיין אַרבעט אין דער געזעלשאַפט. ס׳איז אַפילו געווען אַ פּרווו אים באַזייטיקן פון זיין אַמט אין דער געזעלשאַפט. אָבער אַ דאַנק זיין בכבודיקן מעמד אין דער געזעלשאַפט האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס אויסצומיידן.

גרויס נוץ דער חלוצישער באַוועגונג האָבן געבראַכט זיינע נאָענטע באַציונגען מיט די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, ווי: פּאָליציי און שטאָטישע כאַרוואַלטונג. בכלל איז אָן דער מיטהילף פון חבר מאָשקע לאכער נישט געווען קיין מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן די הכשרה־פונקטן: איינעם אין דאָרף קוליק אין שעדליסטשער געגנט און דעם צווייטן אין שעדליסטשע גופא.

יעדן אָוונט, ענדיקנדיק זיין אַרבעט אין דער געזעלשאַפט ווי ער האָט געאַרבעט פלעגט ח׳ מאָשקע נישט גיין גלייך אַהיים צו זען זיין פאַמיליע, נאָר פריער באַזוכן אין

הכשרה־פונקט און זיך איבערצייגן אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. אָפט מאָל האָט ער פון זיין קעשענע בייגעטראָגן זיין שטייער כדי צו פאַרבעסערן דעם קנאַפּן בודזשעט פון דער קבוצה.



יוסף לעווקאָוויטש פון בראַזיל און זיין פרוי
בעת אַ באַזוך אין ישראל ביים ח׳ משה לאכער.

אין די שווערע ווינטער־טעג ווען די חלוצים זענען געווען אַרבעטסלאָז און די פינאַנסיעלע לאַגע זייערע איז געווען נישט קיין גוטע, פלעגט ער זיי באַרויִקן און נישט איין מאָל האָט ער אויף זיין אייגענעם חשבון געגרייט מאָלצייטן פאַר זיי. נאָר ווען ער איז געווען זיכער, אַז די חברה הונגערט נישט האָט ער זיך באַרויִקט.

אויסער זיין מאַטעריעלער הילף פאַר דער חלוצישער גרופּע איז מאָשקע געווען אַ פאַרמיטלער צווישן איר און די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, באַזונדערס איז צו באַ־צייכענען די הילף מצד דעם אָרטיקן פּאָליציי־מייסטער, מיט וועלכן מאָשקע איז געווען באַפריינדעט.

ס׳איז צו באַצייכענען מיט צופרידנקייט דעם פאַקט, וואָס אונדזער ח׳ מאָשקע איז געלונגען דורכצומאַכן דעם מלחמה־גורל בשלום און איז אָנגעקומען מיט זיין משפחה

קיין ישראל — אין לאַנד צו וועלכן ער האָט געשטרעבט און פאַר וועלכן ער האָט געאַרבעט און געקעמפט מיט אַלע כוחות.

יואל קליינמאַן

איינער פון די יונגע שומרים אין „קן" פון דער ציוניסטישער יוגנט אין שעדלישטשע. מיט לייב און לעבן און יוגנט־ברען האָט ער זיך געווידמעט דער באַוועגונג. נישט פאַרפעלט קיין לעקציע, קיין שמועס אָדער פאַרזאַמלונג. זיין אויער איז געווען שטענדיק אָפן און וואַכזאַם צו אויפכאַפּן ציוניסטישע תורה און זיך אָנשטעקן מיט אירע ריחות.

גאָר פרי איז ער אַ יתום געבליבן פון זיין פאָטער און די לאַגע פון זיין מוטער האָט אים געצוווּנגען איר מיטהעלפן אין איר פרנסה, אָבער טראָץ דעם אַלעמען איז ער געבליבן טריי די אינטערעסן פון דער באַוועגונג און האָט פאַרגעזעצט צו זיין טעטיק. און כלפּי־חוץ האָט ער אָנגעשטעלט אַ פריילעך פּנים.

זיינע חברים אין דער באַוועגונג האָבן געוווּסט זיינע טיפע ליידן און שמערצן און געפּרוּווט אים שטאַרקן און מונטערן.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק מיטן שטראָם פון פּליטים קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווו צוזאַמען מיט אַנדערע האָט ער געליטן הונגער און פּיין. אָבער ווען ס'האָט זיך באַוויזן אַ שיין פון האָפענונג, אַרויסצורייסן זיך פונעם גיהנום, האָט ער פאַרלאָזט רוסלאַנד און מיטן מיליטער פון אַנדערס איז ער אָנגעקומען קיין ישראל. דאָ האָט ער אויפגעבויט אַ פאַמיליען־לעבן און איז טעטיק אין כאַרבאַנד פון שעדלישטשער לאַנדס־לייט.

חיים טערנער

איינער פון די אַקטיוווסטע מיטגלידער אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין שעדלישטשע, מיטגליד פון דער אָרטיקער אָנפירערשאַפט אין סניף „התחיה". אָנטיילנעמער אין יעדער נאַציאָנאַלער אַרבעט, סיי אַלס טוער און סיי אַלס אָנפירער. אין אַלגעמיין אַ מוסטער פון אַ שומר־טיפּ. שטענדיק געזאָרגט פאַרן דערפאָלג פון אונדזער סניף בפרט און דער באַוועגונג בכלל.

ער שטאַמט פון אַ יידישער משפּחה, וואָס האָט געפירט אַ שטרענג טראַדיציאָנעלן אַרט לעבן. זיינע עלטערן האָבן שווער געאַרבעט כדי צו שפּייזן און אויסהאַלטן די פאַרצווייגטע פאַמיליע און זי פאַרזאָרגן מיט אַלעמען אַפילו מיט גוטער יידישער דערציאונג ביי די בעסטע מלמדים פון שטעטל. אָבער ווייל חיים איז געווען דער עלטסטער זון אין דער משפּחה האָט ער געפילט אויף זיך מער פליכט פון אַנדערע מיטצוהעלפן אויפן געביט פון פּרנסה און דעריבער איז ער געווען געצוווּנגען איבערצורייסן בייצייטנס דאָס לערנען אין בית־המדרש און מיטהעלפן זיין פאָטער אין יאַטקע, פון וואַנען די משפּחה האָט געצויגן חיונה.

דאָך, טראָץ זיין טאָג־טעגלעכער שווערער אַרבעט אין יאַטקע פלעגט ער באַזוכן מיט אַ זעלטענער פּינקטלעכקייט טאָג־טעגלעך, ריכטיקער יעדן אָוונט, דעם „קן״ און געזאָרגט אַז די אַרבעט זאָל פאָרגעזעצט ווערן אומגעשטערט און אויפן בעסטן אופן.

נאָך זייענדיק אין שעדלישטשע האָט ער דערוואָרבן די יסודות פון דער העברעיִשער שפּראַך, געשטודירט דאָס ארץ־ישראל לעבן און געשטרעבט ווי אַמגיכסטן עולה זיין. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אויסגעוואַנדערט גלייך מיט די מאַסן פּליטים קיין רוסלאַנד און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן און האָט דאָרטן צום צווייטן מאָל אויפגעשטעלט אַ ניי משפּחה־לעבן, אָבער ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָט ער פאַרלאָזט דעם גלות און עולה געווען קיין ישראל.

אברהם אברך (אברהמ׳טשע אַפּעלבוים)

אברהמ׳צי איז אָנגעקומען אין אונדזער סניף נאָך אַ לענגערער צייט פון ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין „בית״ר״. ער איז געווען אַקטיוו, דיסציפּלינירט און פּאַראינטערעסירט אין קולטורעלער אַרבעט. ער האָט פלייסיק געלערנט עברית און איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן אין סניף. מיט זעלטענער פּינקטלעכקייט האָט ער אויסגעפילט אַלע אויפגאַבן וואָס האָט אויף זיך גענומען און דאַביי איז ער געווען פון די אויסגעצייכנטע שילער אין דער פּוילישער שול. ער האָט פיל געלייענט און זיך אינטערעסירט מיט די געשעענישן אין דער יידישער און נישט־יידישער וועלט.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אים געלונגען אויסוואַנדערן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אַ לענגערע צייט האָט ער געלערנט און שפּעטער האָט ער געאַרבעט און געביטן דעם פאַך. צווישן אַנדערן האָט ער געאַרבעט אויפן דאָנבאַס אין די קוילן־שאַכטן.

נאָך פיל גילגולים האָט ער זיך צוריקגעקערט נאָך דער מלחמה קיין פוילן און פון דאָרטן עולה געווען קיין ישראל. ער האָט זיך באַזעצט אין חיפה און אויפגעשטעלט אַ משפחה.

עקיבא טערנער

דערצויגן געוואָרן אין אַ טראַדיציאָנעלער יידישער פאַמיליע. פון גאָר פריער יוגנט איז ער פאַריתומט געוואָרן פון זיין מוטער און געמוזט נעמען אָנטייל אין פרנסה־פּראָצעס פון דער משפחה. זיין שטאַרקע נייגונג צו בילדונג איז נישט געקומען צום אויסדרוק צוליב מאַנגל אין מיטלען. דערפאַר האָט ער זיך באַגנוגנט מיט ידיעות, וואָס האָט באַקומען אין חדר, ווי די מערהייט יידישע קינדער אין קליינעם שטעטל. די קנאַפּע בילדונג זיינע האָט ער באַרייכערט מיט לעזן צייטונגען, פאַרשידנאַרטיקע ביכער, באַזונדער יידישע געשיכטע און ציוניסטישע ליטעראַטור. איבערגעגעבן ביז גאָר דער שומרישער באַוועגונג, מיט באַגייסטערונג האָט ער אויסגעפילט אַרויפגעלייגטע אויפגאַבן אין אָרטיקן קן. ער האָט געשטרעבט זיך איינשליסן אין אַ הכשרה־גרופּע כדי ווי אַמ־שנעלסטן עולה זיין קיין ישראל, אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין קעגנערשאַפט מצד דער משפחה, וועלכע איז געווען באַזאָרגט, אַז אפשר וועט זיין עליה רואינירן די פרנסה. עקיבא איז געווען געצוווּנגען אָננעמען דעם גזר פון דער משפחה. אַזוי איז ער געבליבן שטעקן אין שטעטל ביז דער דייטשער אינוואַזיע.

אין דער לעצטער מינוט האָט ער נאָך באַוויזן אַנטלויפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, ווו ער האָט דורכגעמאַכט דעם ליידן־וועג צוגלייך מיט אַנדערע פּליכטלינגע. אין אַ פּאַר־וואָרפן ווינקל האָט ער געטראָגן דעם יאָך פון ליידן ביז דער ענדע פון דער מלחמה. נאָך דער מלחמה איז אים געלונגען עולה צו זיין. דאָ האָט ער אויפגעשטעלט אַ משפחה און האָט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זיין חלום. ער נעמט אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין אַלע פאַרזאַמלונגען און אין די משפחה־געשעענישן פון אונדזער ווייניק־געבליבענע לאַנדס־לייט.

אסתר קליינמאַן

אַן אַקטיווע און געטרייע מיטגלידערין אין „קן" פון דער ציוניסטישער יוגנט און אין סניף „התחיה". זי שטאַמט פון אַ טיפּיש יידישער פאַמיליע. אירע ברידער און שוועסטער זענען געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי איז געוועזן פון די ערשטע, וואָס האָט פאַרלאָזט איר היים און זיך אַוועקגעלאָזט קיין ביאַליסטאָק כדי דורכצומאַכן די הכשרה און עולה זיין קיין ישראל.



אסתר ראָזענפעלד (לינקס), פון דער היים קליינמאַן, מיט אירע צוויי חברטעס.

יענע צייט, די דרייסיקער יאָרן, איז אַזאַ טאַט געווען זייער אַ דרייסטער, אָבער זי האָט זיך ווייניק גערעכנט מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג הגם אַלע האָבן איר טאַט געטאַדלט, זי איז אָבער געבליבן פעסט ביי איר מיינונג און האָט זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון איר באַשלוס און איז בייגעשטאַנען אַלע שוועריקייטן וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף איר וועג. ביסלעכווייז האָט זי באַהערשט די העברעאישע שפּראַך געלערנט יידישע געשיכטע, שטודירט ציוניזם און געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל. צוריקקערנדיק זיך פון הכשרה האָט זי געטריי געאַרבעט אין דער באַוועגונג ביז זי איז עולה געווען.

ביי היינטיקן טאָג וווינט זי אין נתניה. זי האָט שוין זוכה געווען אויך צו אייניקלעך, כן ירבו.

אַ ברידערלעכער צוזאַמענטרעף

פון די ווערטער, וואָס דער ח' בנימין חרובי האָט געזאָגט אויפן באַנקעט, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד די געסט זאב און רעסל שולקלאַפּער פון אַרגענטינע, משה און לאה האָרן פון צפון אַמעריקע

טייערע פריינד, חשובע געסט!

די היינטיקע באַגעגעניש לכבוד אונדזערע געסט, וואָס זענען געקומען צו אונדז פון חוץ־לארץ וועלן מיר עפענען מיט אַ מינוט שווייגן צום אָנדענק פון שעדלישטשער קדושים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דאָרטן און צום אָנדענק פון אונדזערע זעלנער, וואָס זענען געפאַלן דאָ.

טייערע פריינד! יאָר יערלעך זאַמלען מיר זיך צונויף דעם ערשטן זונטיק נאָך שבועות כדי איינצוריכטן אַן אזכרה נאָך אונדזערע טייערע, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע וואַנדאַלן. היינטיקס יאָר האָבן מיר דאָס נישט געקענט מקיים זיין, ווייל אַ נייער היטלער, דער היטלער פונעם נאָענטן מזרח האָט אונדז דערקלערט מלחמה. די אַלע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון גיהנום־פייער אין גלות האָט ער געזאָלט וואַרפן אין די טיפע וואַסערן פונעם מיטלענדישן ים. פונקט ווי זיין זיידע פרעה האָט זיך נוהג געווען זיינער צייט.

אָבער וואָס האָט דערויף געזאָגט די קולטורעלע וועלט? איין טייל, דער מער פאַרגע־שריטענער, כלומרשט, איז געוואָרן טויב און שטום, נישט ער האָט געהערט און נישט ער האָט געזען, דער אַנדערער טייל האָט יאָ געהערט און האָט זיך געגרייט צו האַלטן אַ הספד אויף אונדזערע קברים. איינער פון אונדזערע „פריינד", כלומרשט, וואָס צו־פעליק איז באַשאַנקען מיט אַ יידישער נאָז און פון איר האָט זיך גענומען אפשר מ'שטיינסגעזאָגט די פריינדשאַפט צו אונדז אין פאַרגאַנגענהייט, האָט אונדז געוואָרנט, אַז מיר זאָלן ח"ו זיך נישט קעגנשטעלן. זיך לאָזן קוילן, ווייל ווען נישט וועט נאָך ח"ו אויסברעכן אַ דריטע וועלט־מלחמה. ס'איז אפשר כדאי צו באַצייכענען, אַז איינע פון די גרויס־מאַכטן, וואָס רעדט אַזוי פיל וועגן יושר און גערעכטיקייט בנוגע וועלט־פראָבלעמען, פאַרגעסט די קעלנסטע עלעמענטאַרע זאַכן ווען ס'האַנדלט זיך לגבי יידן אָדער מדינת ישראל. אָט, די „פאָרגעשריטענע" סאָציאַליסטישע מדינה שעמט זיך נישט — נישט פאַר יענעם און נישט פאַר זיך — און שיקט גאַנץ אָפן געווער אין נישט באַגרעניצטער מאָס, צו די „אָרעמע 80—100 מיליאָן אַראַבער כדי זיי זאָלן זיך נעבעך קענען פאַרטיידיקן קעגן די צוויי און אַ פערטיל מיליאָן יידן.

אָט די „קולטורעלע" וועלט האָט אַפּנים פֿאַרגעסן, אַז די לעצטע 30 יאָר האָבן עפּעס אונדז געלערנט, אַז דאָס יאָר 1967 איז ווייט נישט דאָס יאָר 1937. ס'איז עפּעס פֿאָרגעקומען אין צווישנצייט. דאָס גאַנצע פֿאָלק, פֿון קליין ביז גרויס, פֿון יונג ביז אַלט שטייט גרייט צו פֿאַרטיידיקן אונדזער אַלט־נײַ פֿאָטערלאַנד.. אונדזער מיליטער, אין אַלע זיינע טיילן, האָט שוין אייניקע מאָל באַוויזן, וואָס די משה'לעך און שלמה'לעך זענען פֿעיק אויפֿצוטאָן ווען זיי ווייסן וועגן וואָס און פֿאַר וועמען זיי קעמפֿן. די יידן, וואָס ערשט נעכטן זענען געווען צו שפּאָט אין די גלות־לענדער, פֿאַררעכנט פֿאַר טויג־ניכצן, זענען היינט אויסגעצייכנטע זעלנער, ממש „גבורים". אין דער צייט ווען אונ־דזערע „פֿריינד", כלומרשט, האָבן אונדז באַדויערט און באַוויינט, האָבן אָט די נעכטיקע טויגניכצן, באַפֿרייט דאָס אַלטע ירושלים, די מערב־טייל פֿונעם ירדן, איינגענומען עזה, אַרויפֿגעקלעטערט אויף די גולן־בערג און באַהערשט דאָס האַלבע אינדזל סיני.

על כל פּנים, די דאָזיקע טעג וועלן פֿאַרצייכנט ווערן אין אונדזער געשיכטע ווי די שענסטע און גרעסטע מעשים פֿון אונדזער פֿאָלק. דער נצחון איז כלל נישט געקומען ווי אַ מתנה פֿונעם הימל. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך געשטעלט אין נסיון און איז געווען גרייט צו קרבנות, אין ישראל און אין חוץ־לארץ האָבן יידן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען כדי צו באַקעמפֿן דעם שונא.

מיר זענען שטאָלץ אויף דער דערשיינונג, וואָס פֿיל פֿון אונדזערע לאַנדס־לייט אין חוץ־לארץ האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פֿון דער מדינה סיי דורך דער „מגבית החירום" און סיי צו שיקן זייערע קינדער קיין ישראל כדי צו העלפֿן אין צייט פֿון קריזיס. איך וועל אויסדריקן די געפֿילן פֿון אַלע ווען איך וועל זאָגן, אַז מיר זענען צופֿרידן אויפֿצונעמען די געסט און זיי באַגריסן מיט דער טראַדיציאָנעלער ברכה: ברוכים הבאים! גיט איבער אַ גרוס אונדזערע אין חוץ־לארץ און זאָגט זיי, אַז מיר וואַרטן אויף זיי נישט ווי געסט, נאָר ווי עולים!

אויפן קבר פון רחל קליינמאַן ז״ל

מאָנטיק, י׳ בשבט תשכ״ח (19 פעברואַר 1968) איז געוואָרן שלושים נאָך דער פטירה פון רחל קליינמאַן ז״ל. דעם טאָג זענען אַלע אירע פאַרערער געקומען צו דער אַנטדעקונג פון דער מצבה אויף איר קבר. און אָט זענען די ווערטער, וואָס זענען אין דער אַנגעלעגנהייט געזאָגט געוואָרן:

„מיר ווייסן, אַז קיינער לעבט נישט אייביק, דאָך ווען אַ נאָענטער גייט אַוועק פון



אונדז, קענען מיר נישט משלים זיין מיטן געדאַנק. יענעם אָוונט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז רחל קליינמאַן איז נפטר געוואָרן, האָב איך אַרויסגענומען אַלע רשימות וועגן די גרעסטעוועטע פון שעדלישטשע און נאָך אַ מאָל זיך אַריינגעלייענט און אַריינגעטראַכט אין דער יסורים־ליידן־מגילה פון דער פרוי קליינמאַן. אַ האַרץ־רייסנד בילד: די דייטשן פירן די לעצטע יידן פונעם שטעטל אין זייער לעצטן וועג, און די פרוי רחל קליינמאַן — די איינציקע מוטער פונעם שטעטל — רייסט זיך אַרויס בדרך נס פון די רייען און אין קרומע וועגן קומט זי אָן ערגעץ־ווו אין אַ דאָרף און הייבט אָן אַ שווערן קאַמף קעגן דער ביטערער און גרויזאַמער ווירקלעכקייט. זי, די שוואַכע און גוטע יידישע פרוי שטעלט זיך אַוועק קעגן אַ געוואַלדיק שטאַרקן כוח וואָס האָט באַהערשט יענע צייט גאַנץ אייראָפּע, ווי אויך קעגן דער פאַררעטערישער פּוילישער סביבה, וואָס פאַר אַ ביסל זאַלץ אָדער אַ גלעזל בראָנפן איז גרייט געווען צו פאַרקויפן יעדן ייד דעם נאַצישן שטן. אין רעגן און שניי, אין בלאָטעס און אומבאַוווּסטע וועגן האָט זי מיט אייגענע כוחות זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צום לעבן. צו ענדע האָט זי מנצח געווען דעם שטן און איז געקומען קיין ישראל. אמת, אַ צעבראָכענע און שוואַכע האָט זי זיך קוים דערשלעפּט, אָבער שטאַרק איז נאָך געווען איר ווילן פאָרזעצן דאָס לעבן נעבן אירע קינדער.

מיר, די יוצאי שעדלישטשע האָבן אין איר געזען אַ סימבאָל פון אַ געטרייער מוטער — אונדזער אַלעמענס, מוטער — מיר האָבן אין איר געזען די מוטער פון די שעדלישטשער. אין ישראל האָט זי נאָך זוכה געווען צו אייניקלעך און איר־אייניקלעך.

אויף איר קבר, בעת דער אַנטדעקונג פון איר מצבה וועלן מיר זאָגן, „טייערע מאַמע": זאָל דיין נשמה זיין אָנגעקניפּט אין קייט פון לעבן, און גרינג זאָל דיר זיין די ערד פון ישראל".



אברהם קהת

אברהם קהת

זכרונות

פון מיין שטעטל

עס איז געווען אַ שטעטל
אַ היים פון אַמאָליקע צייטן
געלעבט האָבן דאָרטן יידן אָן טיטעל
ווער אין פרייד און ווער אין ליידן

און אָט דערמאָן איך מיך אין יידן
יידן פון אַלטער היים
דערמאָנען וועל איך דו יעדן
פאַרגעסן ניט קיינעם, גרויס און קליין

צי קען מען פאַרגעסן הין און אויס
די געסלעך, יעדעס באַזונדער
וואו געוווינט האָבן מוטערס דורות
און האָבן נחת געשעפט פון קינדער

מוטערס מיט געפיל און שמאַרץ
געהאָפט גליק פון קינדער דערלעבן
געוואָרט אויף דעם מיט ציטער אין האַרץ
דאָס אַלעס מוז זיין פאַרשריבן.

דאָס אַלעס איז מיר גוט באַקאַנט
אויף אַ יוגנט דאָרטן געבליט
איבער די גאַסן מיט געזאַנג געשפּאַנט
גלייך די שכינה האָט אויף איר גערוט.

און אָט איז אַבישל מיט זיינע אַרטיסטן
מיט ערפּאָלג טעאַטער געשפּילט
און מענער און פרויען פון אַלע שיכטן
געשמאַק געלאַכט און גוט זיך געפילט

און אָט בנימין־לייב מיט זיין באַנדע
זיך געשלאָגן און געזידלט אָן שאַנדע
געקראָכן איבער פלייטן צום גלח׳ס סאָד
און צו מאָל זיך באַהאַלטן הינטער דער באָד.

און אָט זע איך מיינע קאָלעגן
שמואל מאגער, חיים פלעכטמאַן און יאָסל וואַרשטאַט
וועלכע פלעגן ביי מיר אָפט פרעגן
האָסטו שוין אַלעס באַשריבן אין בלאַט

צי איז נאָך ווער אין שטעטל פאַרבליבן?
יאָ, אָט האָט איר ר׳ פּייוול דעם שוחט
איר קענט אים אַוודאי אויכעט
און ווו איז ר׳ מאָטל רייוויצער זאָל מיר פאַרגעבן

און היינט ר׳ יאָסל׳ע דער בעל־עגלה,
זיך געשלעפּט אונטערוועגנס פאַרטראַכט
זיינע פערד ניט איינמאָל געוואָרפן אַ קללה
זיך געשלעפּט באַטאָג, ניט געשלאָפן ביינאַכט

זיינע יאָרן אונטערן הימל פאַרבראַכט
און דאָך פרנסה זייער שווער געמאַכט
צי קען מען פאַרגעסן די אַלע יידן
אייביק זיי געדענקען, זאָל נאָר זיין פרידן.

אברהם קהת

ווײַן נישט קינד מײַנס

שטילער קינד מײַנס, ווײַן נישט אוצר
עס העלפט נישט קײן געוויין.
טיף און גרויזאַם איז אונדזער ווייטיק,
שונאים וועלן אים נישט פאַרשטיין.

עס קעמפן ברידער, עס טוט בלוט גיסן,
עס איז אַ גרויס געווײן
אָבער דײַן טאַטע טאָר דאָ נישט בלײַבן
ער מוז זאָפאָרט גײן

אויף דײַן מאַמע פאַקט דאָס פּעקל
טרערן רינען אין אים אַרײַן,
ערשט נישט לאַנג ביסטו געבוירן,
און דײַן טאַטע מוז שוין גײן.

גיי מײַן טײַערער זײַ מצליח,
גיי געשווינד און קעמף מיט מוט
פאַרגעס נישט די 6 מיליאָן קרבנות...
נקמה נעם פאַר אונדזער בלוט.

געקעמפט האָבן ייִדן אימער אויף די פראָנטן
פון דער גאַנצער וועלט,
שוין פון לאַנג די מלחמה געענדיקט
אָבער געבליבן זענען מיר עלנט.

זעקס מיליאָן זענען אומגעקומען
די וועלט האָט עס נישט געזען...
איצט איז די צײַט געקומען
קעמפן פאַר זיך אַליין.

אין אַ צייט אַרום אַ בריוו
פון אים דערהאַלטן האָט זי,
ער שרייבט צו זיין פרוי און קינד
מיר זיגן און כ׳קום אַהיים געשווינד.

צומאָרגנס פלוצלינג אַ קצין געקומען
און זיין פנים ווייס ווי שניי.
פאַרטרויערט און מיט געפיל זאָגט ער
מצטער אני... אייער מאַן איז געפאַלן אין סיני.

זי דערמאָנט זיך אין יענעם טאָג
ווען ער איז פון דער היים אַוועק,
געקוקט האָט ער אויף איר און קינד
מיט בענקשאַפט און מיט שרעק.

געבעטן האָט זי ביי גאָט דעם גרויסן
מיט אַ פאַרטראַכטן בליק
ער זאָל אים אין דער מלחמה היטן
און ברענגען אַהיים צוריק.

שלום! געזאָגט האָט ער,
אַ מינוט פאַרטראַכט זיך בלויז,
צעקושט זיך און פון **שטוב**
מיט פאַרשטיקטע טרערן אַרויס.


און דו, קינד, וועסט אויפוואַקסן
ווי אַ יתום, וועסט אַלץ פאַרשטיין,
אַז דיין טאַטע איז געפאַלן
אין קאַמף פאַר אונדזער אַלטער היים.

לזכר קדושינו

בעיירה הקטנה שדלישצ׳ה חיו כשלוש מאות משפחות יהודיות, חיי יצירה ועמל, ענווה וצניעות. זאת היתה עיירה יהודית תוססת, מלאת חיים יהודיים ותרבות ישראל. חיו בה אנשי עבודה, פשוטי העם, בעלי מלאכה, סוחרים זעי־רים, חסידים ולומדי תורה. בה עסקו בצורכי ציבור ביושר ובנאמנות. בה דאגו לצורכי הכלל והפרט כאחד. בה עמלו בעלי המלאכה היהודים מזריחת השמש ועד שקיעתה כדי לפרנס בכבוד את משפחותיהם. בה סחרו סוחרים זעירים והתאמצו בכל כוחותיהם כדי לספק את צרכיהם היום־יומיים לילדיהם.

בה חי נוער יהודי תוסס, שרקם את חלומותיו החלו־ציים של חיי עבודת האדמה בארץ־ישראל.

מי פילל, שדור זה של יהודים טובים ותמימים, יש־רים ובעלי צדקה יירצחו על ידי טמאי אדם בזויים ושפלים. מי חשב שחיי העיירה היהודית יירמסו תחת מגף הכבד של פרא אדם ההיטלרי. אפילו בחלומות העכורים והשחו־רים ביותר לא עלה בדעתו של איש, שתינוקות של בית רבן, הטהורים והתמימים יישלחו לגיא ההריגה לעין השמש ולא יהיה להם מגן ומושיע. מי יכול היה להעלות על דעתו שכאלף וארבע מאות נפש, אשר נשארו תחת שלטון הנאצי בעיירה יישלחו ויישרפו בכבשני התופת הנאצים. נזכור את כל תושבי שדלישצ׳ה והסביבה, הקדושים והטהורים, אשר יחד עם יתר קדושי יהדות אירופה הוציאו את נשמתם על קדוש העם. רוחם של קדושים אלה עמדה לימין לוחמי ישראל במלחמת השחרור, במבצע סיני, במלחמת ששת הימים ובכל פעולות צה״ל למען ריבונות ארצנו.



יזכור

יזכור ה׳ את בני שדלישצ׳ה והסביבה — אנשים, נשים וטף, אשר נרדפו, עונו ונרצחו על קידוש השם על ידי הצוררים הנאצים ועוזריהם האוקראינים, הליטאים והפולנים. יזכרם ה׳ לטובה ותהיינה נשמותיהם צרורות בצרור החיים, ומנוחתם תהיה תחת כנפי השכינה עם כל קדושי ישראל מכל הדורות לעולמי עד.

כי דורש דמים אותם זכר, לא שכח זעקת עינויים.

רשימת קדושינו

נזכור את נשמות הקדושים, בני עיירתנו והסביבה, הטהורים, הישרים והתמימים, שהושמדו בידי הנאצים ועוזריהם בימי השואה, ואלה שמותיהם:

א

אַבערקלייד משה, זיין פרוי מאַטל און 3 קינדער, שוועסטער פון פרוי מאַטל, חנה.

אייגער משה, זיין פרוי און קינדער

אייגער אליהו, און זיין פרוי גיטל.

אייכנהאָרן נחום, זיין פרוי מרים און 2 קינדער.

אייזיקמאַן ברוך, זיין פרוי און 4 קינדער.

אייכנהאָרן שלום, זיין פרוי הנה און 2 קינדער.

אַפּעל יענקל, זיין פרוי זלאַטע און קינדער: משה, גיטל, פעסע, רייזל.

אַפּעל הערשקע, זיין פרוי הענע און קינדער: רייזל, ציפּע, לאה, שמחה.

אַפּעלבוים יאָסל-אליס, זיין פרוי ביילע-ליבע און קינדער: חיים, דבורה'לה.

אַפּעלבוים אלי, זיין פרוי טובה און קינד.

אַקערמאַן ישראל, זיין פרוי און קינדער מיט משפחות.

אַקערמאַן בעני, זיין פרוי און 2 קינדער.

ארנשטיין דוד, זיין פרוי מאַטל און קינד, איטע.

אַקערמאַן חיים-לייב, זיין פרוי און קינדער.

אליספעקטאר פעסע פון דערהיים בלוט-שעץ און אירע 3 קינדער.

אַפּלבוים מאיר, זיין פרוי יוכבד און זון יענקל.

אַפּלבוים יענקל און זיין זון.

ב

באַלטער רבקה, און 3 קינדער.

באַלטער איטע, מיט 3 זין: שאול, ישעיהו (שיע) און שמואל מיט זייערע משפחות.

באָק מאַלי, און קינדער: חנה, שלמה, אברהמטשע.

באָקסענבוים יהודה, (יידל) זיין פרוי מאַשע און 3 קינדער.

באָקסענבוים משה, זיין פרוי ביילע-ליבע און קינדער: רבקה, טובה, יענקל.

באָקסענבוים זלמן, זיין פרוי חנה-רבקה.

בארשטש גיטל, און קינדער.

בורנשטיין עזרא, זיין פרוי הענע און קינדער: מאיר, אריה, איטקע.

ביאלאָוויטש מרגלית, און טאָכטער פעשע.

ביאלאָוויטש נתן און פרוי.

ביאלאָוויטש משה, זיין פרוי רחל און 4 קינדער

ביאלאָוויטש שמחה, פרוי מאַטל און 3 קינדער: הערשל, רחל, מרים און פאַמיליעס.

בלושטיין בן-ציון, זיין פרוי באַלטשע און 3 קינדער.

בלייכער דבורה, מיט 4 קינדער און זייערע משפחות.

בלייכער יענקל און זיין משפחה.

ביטמאַן פּריץ און זיין מאַמע ציפּע.

בערגער שלמה, זיין פרוי מלכה און

קינדער: ישראל, חנה, בן־ציון, הערשל, קלמן, יחיאל.
בראון ישראל (סרולקע), זיין פרוי חנה און קינדער: גרשון און שרה.
בראון יחזקאל (חאסקעל), זיין פרוי מרים און קינדער: ראובן, גאָלדע און שרה.
ביטמאַן הערש און זיין פרוי ציפּע.
ביטמאַן פּרץ, זיין פרוי שיינדל און זייערע קינדער: טובה, הערש, צילע, אייזיק און גיטל.
ביטמאַן משה, זיין פרוי דבורה און זייערע קינדער: שרה, צילע, הערש, רבקה און נאָך 4 קינדער.
ביטמאַן אַבּיש, זיין פרוי חיה און זייע־רע קינדער: הערש און עזריאל.
בלוטשעץ חנינא, זיין פרוי רבקה און זייערע 2 קינדער.
בלוטשעץ יוסף.
בלוטשעץ קלמן, זיין פרוי רייזל און זייער קינד הנהל׳ע.
בלוטשעץביילע.

ג

גאלדוואלד משה, זיין פרוי רחל און זייערע קינדער.
גאָלדבערג נחמיה, (כעמיע) זיין פרוי רבקה און קינדער.
גאלדוואַסער לייבל, זיין פרוי און קינדער.
גולדשטיין יענקל.
גאָלדוואַסער סרולקע (ישראל).
גאָלדשטיין אברהם און משפחה (פון כאינע).
גאָלדוואַסער משה׳לע, זיין פרוי חוה׳לע.
גאָלדשטיין דב (פון דער ליפּאווקע).
גאָלדוואַסער חיים, זיין פרוי און קינדער.
גאָלדפּאַן קאָפּל און זיין משפּחה.
גאָלדפּאַן מענדל.
גייער ישעיהו (שייע), זיין פרוי לייטשע און קינדער: חנה, שרה.
גייער יאַסקע, זיין פרוי הענע און קינד.
גלאנץ פישאלע, זיין פרוי חוה און קינדער.
גלאַנץ חיים, זיין פרוי שרה און קינדער.
געבנהאלץ שלמה, זיין פרוי חיה־פייגע און 2 קינדער.
געלב לייבוש, זיין פרוי שיינדל־לאה און קינדער: פייגע־דינה, חנה, אסתר.
געלער יענקל, זיין פרוי אסתר און קינדער: יהודה (יידל), חיה.
גערץ זלמן, זיין פרוי חנה און 3 קינדער.
גערץ יענקל, זיין פרוי מאַשע און קינדער.
גערץ יחיאל, זיין פרוי הדסה (הודעס) און קינדער.
גוזערץ יוסף, זיין פרוי חומע.
גערץ משה, און פרוי רבקה.
גערץ יידל, זיין פרוי מלכה און זייערע קינדער.
גערץ פנחס (פיניע) און פרוי רבקה מיט 5 קינדער.
גערץ נעכע מיט אירע קינדער.
גערץ יהושוע.
גערטמאַן יעקב, זיין פרוי און 4 קינדער.
גערשטיין יעקב, זיין פרוי און 4 קינדער.
גערשטיין הערשקע, זיין פרוי עטל און קינדער: פּאַלע, אברהם־חיים.
גערשמאַן יאַסקע, זיין פרוי עטל און טאָכטער רבקה מיטן מאַן משה און קינדער.

גערשמאַן יהודה (יידל), זיין פרוי מלכה און קינדער.

גרינוואַלד יצחק, זיין פרוי שרה און קינדער: משה, פנחס, מאיר.

גרינוואַלד משה, זיין פרוי רחל און קינדער.

גרינוואַלד לייבוש, זיין פרוי חיה־שרה און 3 קינדער.

גרינוואַלד נח.

גרויסקאָף משה, מיט פרוי טובה־דינה.

גריצמאַן אייזיק, זיין פרוי שרה און קינדער: רבקה און יוסף.

גרויסקאָפף לייבוש, מיט פרוי שרה־רבקה.

גראָס מלכה, מיט קינדער און זייערע משפחות.

גרינשפאַן משה, זיין פרוי חנה און 6 קינדער: לייבל, אלי, בערל, יאָסל, טובה, שפרה.

גרינשפאַן משה און זיין משפחה.

גרינשפאַן לייבוש, זיין פרוי חיה און קינדער: ברוך, מאיר, רבקה, שלמה, יענקל, איטשע.

גרינשפאַן רעסל, (פעלצמאַן) און איר מאַן.

גרינשפאַן זינדל, זיין פרוי ראַצע און קינדער: שלמה, לאה.

גרינשפאַן יאָסקע, זיין פרוי ביילע און 4 קינדער מיט זייערע משפחות.

גרינשפאַן טראַטל, זיין פרוי גיטל און 5 קינדער.

גריצמאַן מנשה, זיין פרוי פערל און קינדער: חנה, אייזיק און צבי.

גולדשטיין ברוך

ה

האַכמאַן העשל, זיין פרוי לאה און 3 קינדער.

האַלצמאַן חיים, זיין מאַמע חיה־מינדל, און פרוי מרים מיט די קינדער: פייבל, נח העניע, גיטל.

האַרן שלמה־לייב, זיין פרוי שיינדל און איר מאַמע פריידע, און קינדער: קרעסל, ביילע מיטן מאַן הערש הערבסט.

האַרן יענקל

האַרן יאָסל, זיין פרוי שרה (סורטשע).

האַרן פנחס און פרוי לאה, זייער טאָכטער עטל מיט איר קינד.

האַרן אברהם־יענקל, זיין פרוי קרעסל.

האַרן איטשע, און זיין משפחה. (פון כעלים).

האַרן יצחק (איטשע).

האַרן באַשע מיט איר משפחה.

האַרן שלמה, זיין פרוי העניע און קינדער.

האַרן שמואל־דב־אשר.

האַרן יהושע (שיע)־משה, זיין פרוי חיה און טעכטער צביה און תמה מיט אירע קינדער מלכה און אלי, און באַבע הינדע.

הימעלשטיין פישאלע, זיין פרוי פעשע און קינדער: בעריש, שלמה, חיה און חיים.

ו

וואַרשטאַט הערש־מאיר און קינדער: שרה, שלמה, רוחטשע, מאַטל.

ווײַדוואַסער שמואל־זעליג, זיין פרוי חנה און קינדער: רחל, שרה, דבורה.

ווײַנגאַרטן גודל, זיין פרוי מירה'לע און קינדער.

וויינטרויב רחלה און קינדער : אידעס און מעימע.

וויינטרויב שלום, זיין פרוי פריידל און קינדער : מלכה און אליעזר.

וויינטראוב שמואל (סמיל מלמד).

וויינריבער רבקה־העניע.

וויינריבער דוד, זיין פרוי מאַטל און קינד.

וויינטאב זלמן, זיין פרוי רייזל און זייערע קינדער : צילע, הערש, יואל, רחל, שרה און יוסף.

ז

זאַנשיין מאַטל, זיין פרוי הודל און 2 קינדער.

זאַנשיין יהושע (שיע), זיין פרוי ביילע און 4 קינדער.

זילבערמאַן שלמה, זיין פרוי דבורה און קינדער : לייבטשע, גדליה, יצחק.

זילבערמאַן עקיבא.

זילבערמאַן לייבוש, זיין פרוי פייגע און 2 קינדער.

זילבערמאַן רבקה און קינדער: חיה, חנה, פייגע, יוסף און צמח.

זילבערמאַן אברהם, זיין פרוי טשאַרנע און 2 קינדער.

זילבערמאַן יאָסל, און פרוי רויזקאַלע.

זילבערמאַן מאיר, זיין פרוי פרימטשע, זיין שוועסטער מרים און ברודער יידל.

זילבערמאַן אברהם, זיין פרוי עטל, זייערע קינדער : פייגע, דינה, גרשון און חנה.

זילבערמאַן חיה און זון עקיבא.

זיידענבערג אברהמיש און 3 קינדער.

זיידענבערג טוביה, זיין פרוי פעראַלע און קינדער : פרץ, איטע.

זיידענבערג חיים־אבא און זיין משפחה.

זיידפאדעם שמעון, זיין פרוי רבקה און זייערע 2 קינדער.

ט

טאפף יונה (יאָינעס), זיין פרוי דבורה און קינדער : אסתר און אַלטע מיט איר מאַן און 2 קינדער.

טאפף לייבל, זיין פרוי שרה און 3 קינדער.

טאפף יעקב, זיין פרוי קריינע און קינד.

טאפף נוטע, זיין פרוי לאה און קינדער.

טאַפף הערש, זיין פרוי און קינדער.

טאפף אליעזר (לייזער), זיין פרוי חיה און קינדער.

טוב אריה, זיין פרוי שרה און קינדער : צבי, גאָלדע און אברהם.

טענענהאָלץ אהרן, בעריש, אברהם און יחיאל.

טענענבוים בצלאל.

טענענבוים דוד (דובטשע) וחיים.

טענענבוים שלמה, זיין פרוי ריבטשע (רבקה) און 6 קינדער.

טעפער איטשע, זיין פרוי אידעס און טאָכטער ליבע.

טעפער דוד און זיין פרוי רחל.

